Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראָשען

הייגט 8 זייטען

נייער פאלקסבלאט

№ 13 | Łódź, Czwartek, 15 stycznia 1931 r. | נ״ינטער יאהרגאנג | לאדז, דאנערשטאג, כ״ז טבת תרצ״א | № 13

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

100 מיליאָן דאלאר
נייע קלאנגען וועגען אַן ענגלישער הלואה

וואַרשא, 14. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) ווי מ׳גיט איבער ווערען איצט געפיהרט ערנסטע אונטערהאַנדלונגען וועגען אַ גרויסער אויסלענדישער הלואה פון 100 מיליאָן דאָלאַר. די הלואה זאָל פערנוצט ווערען אויף אינוועסטיציעס און אַזוי אַרום זאָל געלינדערט ווערען דער עקאָנאָמישער קריזיס.

מארשאל פילסודסקי וועט פאהרען קיין לאנדאן
וועגען וויכטיגע פאליטישע אנגעלעגנהייטען

וואַרשא, 14. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) ווי מ׳גיט איבער וועט מאַרשאַל פּילסודסקי גלייך נאָכדעם ווי ער וועט ענדיגען די קוראַציע אויף מאדעירא פאָהרען קיין לאָנדאָן און אָפּהאַלטען וויכטיגע קאָנפערענצען מיט די פיהרענדע מלוכה מענער.

פּאָלק. קאָסטעק־ביערנאַצקי
איינגעלאַדען געוואָרען צו אַן אויפנאַהמע ביי דער פ־וי פון מאַרשאַל פּילסודסקי

וואַרשאַ, 14 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) די פרוי פון מאַרשאַל פּילסודסקי האָט היינט, אַזוי ווי יעדען מיטוואָך, איינגעאָרדענט אַ גלעזעל טיי. צו דער היינטיגער אויפנאַהמע איז אויך איינגעלאַדען געוואָרען דער פּאָלקאָווניק קאָסטעק ביערנאַצקי. די דאָזיגע ידיעה האָט אַרויסגערופען אַ שטאַרקע סענסאַציע.

לאַקאַטאַרען־פעראייגען ווילען צושטעלען אַ פּראָיעקט צו שאַפען געלד
און נישט דאַרפען העכערען דאָס דירה־געלד

וואַרשא, 14. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) אַ דעלעגאַציע פון די לאַקאַטאַרען־פעראייגען האָט זיך געווענדעט צום מיניסטער פאַר עפענטליכע אַרבייט גענעראַל נייגעבויער מיט אַ פּראָטעסט געגען העכערען דאָס דירה־געלד. דער מיניסטער האָט אָבער ערקלערט, אַז מען מוז האָבען געלד צו בויען נייע הייזער. די דעלעגאַציע האָט צוגעזאָגט צוצושטעלען אַ פּראָיעקט ווי אַזוי צו שאַפען געלד און נישט דאַרפען העכערען דאָס דירה־געלד.

פּראַקעס, נ.פּ.ר. און אַרב.־פעדעראַציע
שאַפען אַן איינהייטליכען סיים־קלוב און ווילען גרינדען מלוכה׳שע פּראָפעסיאָנעלע פעראייגען

וואַרשאַ, 14. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) היינט איז אין סיים פאָרגעקומען אַ זיצונג פון 32 דעפּוטאַטען פּראַקעס, לינקע נ. פּ. ר. אין אַרבייטס־פעדעראַציע. ס׳איז בעשלאָסען געוואָרען צו גרינדען אַן איינהייטליכען סיים־קלוב פון די דאָזיגע דעפּוטאַטען. אַלס פאָרזיצער איז אויסגעוועהלט געוואָרען דער „פּראַק" ד״ר בּאַבּראָווסקי.

דער קלוב וועט גרינדען אַלגעמיינע פּראָפעסיאָנעלע פעראייגען אויף׳ן מלוכה׳שען יסוד.

וויטאָס האָט אָנגעשריבען זכרונות
ער וועט זיי אָבער נישט אַרויסגעבען

וואַרשאַ, 14 (טעלעפאָניש פון אינזער קאָרעספּאָנדענט) די דעפּוטאַטען, געוועזענע בריסקער אַרעסטאַנטען, וועלכע קומען שוין איינציגווייז אין סיים, היטען זיך מיט רעדען אין די קולואַרען. בעזונדערס האָט גענומען געשוויגען דער דעפּוטאַט וויטאָס. ווי מען שמועסט, האָט וויטאָס אין דער אַרעסט־צייט אָנגעשריבען זיינע זכרונות פון בריסק. די זכרונות וועלען אָבער נישט פערעפענטליכט ווערען.

ד״ר דראַבנער פערמשפט אויף אַ יאהר פעסטונג

גנעזען, 14. (טעלעפאָניש) היינט איז דאָ פאָרגעקומען דער פּראָצעס געגען דעם געוועזענעם פיהרער פון די אומאָפּהענגיגע סאָציאַליסטען און איצטיגען פּ. פּ. ס.־טוער ד״ר באַלעסלאַוו דראַבנער, וועלכער איז בעשולדיגט געוואָרען אין אַנטי־מלוכה׳שער טעטיגקייט. ער איז פערמשפט געוואָרען אויף אַ יאָהר פעסטונג.

פּראָיעקט צו רעפאָרמירען די שחיטה
ווערט אויסגעאַרבייט דורכ׳ן האַנדעלס־ און אַגראַר־מיניסטעריום

וואַרשא, 14. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) ווי מען גיט איבער ווערט איצט אויסגעאַרבייט דורכ׳ן אַגראַר־מיניסטעריום צוזאַמען מיט׳ן האַנדעלס־מיניסטעריום אַ פּראָיעקט צו רעפאָרמירען די שחיטה.

דער נייער פּראָיעקט זאָל אָנריהרען די יודישע שחיטה.

שאַרפע דיסקוסיע וועגען בודזשעט פון בילדונגס־מיניסטעריום

וואַרשא, 14. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) היינט איז אין דער בודזשעט קאָמיסיע פון סיים בעטראַכט געוואָרען דער בודזשעט פון בילדונגס־מיניסטעריום. דער ערשטער האָט גענומען אַ וואָרט דער בילדונגס־מיניסטער טשערווינסקי, וועלכער האָט ערקלערט, אַז דאָס היינטיגע בודזשעט־יאָהר וועט זיין אַ זעהר שווערעס אין בילדונגס־וועזען, דער בודזשעט וועט מוזען רעדוצירט ווערען אין דערזעלבער פערהעלטניש וואָס אַלע אַנדערע בודזשעטען, די רעדוקציע וועט בעטרעפען 24 מיליאָן זלאָטעס.

דאַן האָט רעפערירט דעם בודזשעט דעפּ. סטראַנסקי (ב. ב.), ער לעגט פאָר אין פערשטענדיגונג מיט דער רעגירונג צו מאַכען אַ גאַנצע רייה רעדוקציעס אין פערשידענע אַפּטיילונגען פון בודזשעט.

אַ שאַרפע רעדע האָט דער געוו. בילדונגס־מיניסטער פּאָניקאָווסקי כ. ד. ער זאָגט, אַז דאָס בילדונגס־מיניסטעריום פיהרט פּאָליטיק, האָט געצוואונגען די לעהרער זיך צו פערנעהמען מיט וואַהל־אַרבייט.

אויך דעפּ. קאָרנעצקי (נ. ד.) גרייפט שטאַרק אָן דאָס בילדונגס־מיניסטעריום..

נאָך דער פּויזע האָט גערעדט דעפּ. טשאַפּינסקי פון פּ.פּ.ס. ער לעגט פאָר די סומע פון 1 מיליאָן זלאָטעס אויף בויען שולען צו העכערען ביז 20 מיליאָן און דערפאַר שטרייכען 25 מיליאָן זלאָטעס פון בודזשעט אויסצוהאַלטען די פּאָליציי, ווייטער לעגט ער פאָר צו בעשטימען אַנדערטהאַלבען מיליאָן אויף אויסער שול־בילדונג און 130 טויזענט זלאָטעס אויף אָנהויב־אַרבייט ביי דער גרינדונג פון אַ אוקראַאינישען אוניווערזיטעט אין לעמבערג.

די דעפּוטאַטין רודניצקא (אוקר.) ערקלערט, אַז די שטעלונג פון איהר קלוב צום בודזשעט פון בילדונגס־מיניסטעריום וועט זיין אַ נעגאַטיווער. זי האָט געשילדערט די פערפאָלגונגען געגען אוקראַאינישער שול־וועזען.

ס׳האָבען נאָך גערעדט די דעפּוטאַטען יערעמיטש (ווייסרוס), ווישיקאָווסקי (ווילזוואַלעניע) יאַוואָרסקא (ב. ב.) וויצע־מיניסטער זשאַנגאלאָוויטש און דאַן ענטפערט אַלע רעדנער דער מיניסטער טשערווינסקי, ער שלאָגט די אָנגריפען פון די אָפּאָזיציאָנעלע רעדנער. איבערגעהענדיג צום שול־וועזען פון די מינדערהייטען, זאָגט דער מיניסטער:

„איך וואָלט געוואָלט זיין אַ מיניסטער וואָס עפענט שולען און נישט וואָס שליסט, ליידער האָב איך געמוזט שליסען 3 אוקראַאינישע גימנאַזיעס, אויב די שטעלונג פון די אוקראַאינער זאָל זיין אַזוי ווי ביז איצט וועלען מיר צו קיין פערשטענדיגונג נישט קומען. מיט דעם איז די זיצונג געשלאָסען געוואָרען.

Dr med
I. Wajnberg
Cegielniana 47, tel. 126-02
צוריק׳געקעהרט
איגנערליכע קראַנקהייטען
ספּעציעל פאַר לונגען און האַרץ־קראַנקהייטען
בעשטראַהלונגען אין קינסטליכע בערג־זון.
נעהמט אָן דערהיים פון 3–5.

Dr. med. **J. Lubicz**
כירורג־אָרטאָפּעד
Gdańska 28, tel. 183-17
צוריקגעקעהרט.
קראַנקהייטען פון די ביינער, געלענקען,
פּערק ימינגען פון די פלייצעס און גלידער
איינגעבוירענע פּראָצעסיע פון זעמטליכע אָרטאָפּעדישע
אַפּאַראַטען, ווי: פלאַטפוס אויף פּלאַטפוסען, מענסטליכע
רעמען א. ז. וו. נעמט אָן פון 2,30 ביז 4,30 נאָכמ.

Dr. med.
W. Eychner
גינעקאָלאָג־אַקושער
זגערזשער 11
טעלעפאָן 134–72
נעמט אָן פון 2–3 נאָכמ.
און פון 7½–9 אָוונד.

Dr. ADAM
GROSGLIK
Al. Kościuszki 27
tel. 151-78
צוריקגעקעהרט
הויט און וועגערישע קראַנקה.
רענטגען און ליכטהייל־אינסט.
נעמט אָן פון 4–7 אָוונד

Reichsdeutsche
erteilt Konversation und Gramatik zu billigen Preisen.
Główna 41, II p. front, m. 7, tel. 146-65

אַ הערציגען מזל טוב ווינטש איך צו דער חתונה פון
פרל. רעגינאַ קרומהאלץ
מיט ה׳ איזאַק גערשט
זאָל אייער לעבענס וועג מיט בלומען בעצירט ווערען.
סאַלעק גרינבערג.

בעקאַנטמאַכונג.
דערמיט מאַך איך בעקאַנט, אַז היינט, דאָנערשטאָג, ד. 15/1 1931, 5 נאָכמ. ווערט געעפענט אויף זאַוואַדזקאַ 14
אַן ערשטקלאַסיג איינגעאָרדענטע
קאַוויאַרניע
וואו עס ווערען אויך אַרויסגעגעבען שמאַקהאַפטע מיטאַגען פון 1.50 זל. פריהשטיק און וועגדבראָיט צו צוגענגליכע פרייזען. בעמ.: עס זענען אויך איינגעאָרדנט ספּעציעלע גאַבינעטען צו שפּילען שאַך, דאַמינאָ און פוף.
„Café CENTRAL" מיט אַכטונג
זאַוואַדזקאַ 14, טעל. 192-69
אינהאַבער פּ. לעסלאַו

קרן קימת לישראל לודז.
פילהאַרמאָניע־זאַל, נאַרוטאָוויטש־גאַס 20
היינט, דאָנערשטאָג, דעם 15/1, 8.30 אָוונד
גרויסע קאָנצערט־אַקאַדעמיע
מיט דער בעטייליגונג פון דעלעגירטען פון קרן קימת דירעקטאָר אין ירושלים
ד״ר א. ש. יוריס
וועלכער וועט רעפערירען אויף ד. ט.: „דאָס נייע לעבען אויף דער אַלטער ערד"
אין מוזיקאַלישען טייל, אויסגעפיהרט דורכ׳ן „הזמיר":
1) אַרענסקי: טריאָ — פרל. מאַרקסאָן, פרל. בּרודאַ, ה׳ ריינבערג; 2) מ. עלמאַן: אלי אלי — פידעל פרל. מאַרקסאָן, הענדעל: לאַרגעטאָ פּאַגאַניני, שימאַנאָווסקי: קאַפּריז — פידעל פרל. מאַרקסאָן, אַקאָמפּ. לעאָן ליבערמאַן; 3) פּאַקאַפּיצקי: אוביווערטורע אויף יודישע טעמעס — אָרקעסטער פון „הזמיר" אונטער דער לייטונג פון ה׳ יאַבלאָ.
אַקאָמפּאַניאַמענט: פרל. ראָזענצווייג.
בילעטען צום פרייז פון 50 גר. ביז 2.50 זל. צו בעקומען אין ביוראָ פון קרן קימת, צעגעלנ. 4 און פון 4 אַ זייגער נאָכמיטאָג — ביי דער קאַסע פון פילהאַרמאָניע.

געפעפנט די זיצונג פון אקציאנס-קאמיטעט
צי וועט דער ציוניסטישער קאנגרעס אפגעלעגט ווערן?

לאנדאן, 14. (ט"א טעלעגראפיש). דא האבען זיך אנגעהויבען די בעראטונגען פון ציוניסטישען אקציאנס-קאמיטעט.

אויפ'ן טאג-ארדנונג שטעהט אין דער ערשטער רייהע די פראגע, צי עס זאל אפגעלעגט ווערען דער ציוניסטישער קאנגרעס.

דעם פארזיץ פיהרט פראפ. ווייצמאן.

אויב עס וועט בעשלאסען ווערען אפצולעגען דעם קאנגרעס, וועט געשיקט ווערען א גרעסערע דעלעגאציע קיין אמעריקא זיך בעטייליגען אין דעם גרויס-דרייוו למובת א"י.

בעמיהונגען צו ליקווידירען דעם קויהלען-שטרייק אין ענגלאנד

לאנדאן, 14 (טו) די אונטערהאנדלונגען וועגען ליקווידירען דעם קויהלען-שטרייק אין דרום-אועלס דויערען ווייטער. ס'ווערען געמאכט בעמיהונגען, אז דער שטרייק זאל ליקווידירט ווערען וואס גיכער, ווייל אנדערען קויהלען-געביטען גרייטען זיך צו א סאלידאר-שטרייק.

דער יובל פון פעליקס ווארבורג

ניו-יארק, 14 (ט"א טעלעגראפיש) דער 60 יאהריגער יובל פון פעליקס ווארבורג ווערט דא געפייערט אין אלע יודישע קרייזען.

עס קומען אן בעגריסונגען פון דער גאנצער וועלט.

לאנדאן, 14 (ט"א טעלעגראפיש) פרעמיער מאקדאנאלד האט געשיקט ווארבורג'ן א בעגריסונגס דעפעשע צו זיין יובל.

לויה פון נאטאן שטרויס

ניו-יארק, 14 (ט"א טעלעגראפיש) נעכטען איז פארגעקומען די לויה פון נאטאן שטרויס. אין דער לויה האט זיך בעטייליגט א גרויסער עולם און א סך דעלעגאציעס.

ראבי סטיפען וויז האט געהאלטען א הספד.

נייער אומגליק
מיט אטלאנטיס-פליהער

בערלין, 14 (סו) אויס ניו-יארק ווערט געמעלדעט, אז דער ארעאפלאן „סועדיווינד" אויף וועלכען ס'זענען ארויסגעפלויגען די פליהער פרויהארט און מאקלערין, פון אמעריקא קיין אייראפע, איז אראפגעפאלען אין די אזארען.

קאנטיגענט פוילישע סעזאן-ארבייטער איז דייטשלאנד
איז פערקלענערט געווארען אויף א העלפט

בערלין, 14. (ספ. טעל.) נעכטען איז פארגעקומען א זיצונג פון דער דייטשער רעגירונג. דער קאבינעט האט זיך בעראטען וועגען דער שטעלונג פון דער דייטשער רעגירונג אין גענף בנוגע די ארייגעטראגענע אנקלאגעס געגען פוילען.

ס'איז אויך אנגענומען געווארען א בעשלוס וועגען די פוילישע סעזאן-ארבייטער אין דייטשלאנד ס'איז בעשלאסען געווארען דעם קאנטיגענט-סעזאן ארבייטער, וועלכער האט ביז איצט בעטראפען 100 טויזענד צו בעגרעניצען ביז 50 טויזענד.

אפגעשאפען דעם טויט-אורטייל איבער 3 יודישע יונגעלייט
2 בעקומען אייביגע טורמע און איינער א יאהר טורמע

ווארשא, 14 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט). היינט איז אין ווארשא פארגעקומען דער אפעלאציע-פראצעס נעגען אברהם קאגאן, שמחה סאסנאוויעץ און אברהם ניעביעסקי, וועלכע זענען דורכ'ן קרייז-געריכט אין ביאלא פאדלאסקא פערמשפט געווארען צום טויט דורך אויפהענגען פאר ערמארדען דעם פראוואקאטאר דוד סעדלאוש.

דאס געריכט האט אפגעשאפט דעם טויט-שטראף פון 3 יונגעלייט און פערמשפט קאגאנ'ען און סאסנאוויעץ אויף אייביגע טורמע און ניעביעסקי אויף 1 יאהר טורמע.

גרויסער סקאנדאל אין יודישען שפיטאל
דער בעריהמטער כירורג ד"ר סלאוויעטשיק איז שווער פערוואונדעט געווארען

ווארשא, 14 (טעלעפאניש) אין שפיטאל אויף טשיסטא גאס געפינט זיך א פלעגערין-שול, איינע פון די פלעגערינס א געוויסע פרייליין גרינבערג איז אפגעזאגט געווארען פון פאסטען, איהרס א ברודער ארנאלד איז יעדען טאג צוליב דעם געקומען אין שפיטאל מאכען סקאנדאלען.

היינט 3 א זייגער בייטאג איז ער ווידער געקומען אויסגעהאקט די שויבען אין שפיטאל און געמאכט אומגטורעס, אין דעם מאמענט איז פון אנ'אפעראציע אנגעקומען דער בעריהמטער כירורג ד"ר סלאוויעטשיק, גרינבערג האט געכאפט א שטוהל און דערלאנגט דעם דאקטאר איבערן קאפ ד"ר ס. האט זיך בעגאסען מיט בלוט און געחלשט, ער האט בעקומען א טיפע וואונד, גרינבערג איז ארעסטירט.

שטרייק אין דער ווארשאווער גאזאווניע
דראהונג פון א שטרייק איז די טראמוואיען, טעאטערן א.א.וו.

ווארשא, 14. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) צוליב דעם וואס דער ווארשאווער מאגיסטראט האט בעשלאסען צו פערקלענערן דעם לוין פון די ארבייטער אין די אינסטיטוציעס פון עפענטליכען געברויך מיט 18 פראצענט, איז היינט אויסגעבראכען א שטרייק אין דער גאזאווניע, פון אינדערפריה אן האט די גאנצע גאזאווניע, א חוץ דער הויפט-אייוועז געשטרייקט.

אויב דער מאגיסטראט וועט נישט בעגעבען די פאסטולאטען פון די ארבייטער וועט דער שטרייק פערברייטערט ווערען אויך אויף אנדערע אינסטיטוציעס פון עפענטליכען געברויך.

אין אווענד האט פרעמיער סלאוועק צונויפגערופען ביידע צדדים און דער שטרייק איז ליקווידירט געווארען. מען איז איינגעגאנגען אויף אנ'ארביטראזש.

איין-טאגיגער פראטעסט-שטרייק
פון די דאנציגער פארט-ארבייטער

דאנציג, 14. (ספ. טעל.) אין דאנציגער פארט איז נעכטען אויסגעבראכען א טיילוויזער שטרייק פון די פארט-ארבייטער, דאס איז א פראטעסט-שטרייק וואס דארף דויערען 24 שעה. ער איז געווענדעט געגען דאנציגער סענאט, וועלכער געפינט זיך איצט אונטער דער ווירקונג פון די רעכטע פאליטישע גרופירונגען.

2 ווולקאנעס אין ארגענטינא
פערניכטען די ארומיגע ישובים

לאנדאן, 14. (ספ. טעל.) אין דער ארגענטינער פראווינץ לאס-אנדעס נעבען סאן אנטאניא זענען אויסגעבראכען 2 ווולקאנען. די עפנונגען שפייען מיט גרויסע פייער-לאוועס.

די שאדענס וואס דער אויסברוך האט געברענגט זענען זייער בעדייטענד. ס'זענען אויך פערהאן פיל מענשליכע קרבנות, די בעארבייטע פעלדער ארום די ווולקאנעס זענען פערניכטעט, אין די פלאמען איז אומגעקומען פיל פיה.

—‖‖‖=—

אנפאל אויף דער מלוכה-באנק איז מאסקווא

מאסקווא, 14. (ספ. טעל.) לויט אפיציעלע ידיעות האבען אונבעקאנטע פערברעכער געפרובט זיך אריינצובעקומען אין לאקאל פון דער מלוכה-באנק און בעפאלען די וואך פון ג. פ. או. בעת דעם קאמף וואס איז ענטשטאנען זענען 4 פערזאן פון דער וואך דערהרגעט געווארען. די אנפאלער זענען ענטלאפען.

—=[][][]=—

לאדזער נייעס

די פעראָרדנונג וועגען מעלדונגען

ענדע פאריגען יאהר איז ערשינען די פעראָרדנונג מיט די אויספיהרונגס-תקנות צום געזעץ פון 1928 י. וועגען מעלדונגען און קאנטראל פון דער באוועגונג פון דער בעפעלקערונגס-בעוועגונג. די פעראָרדנונג ווערט שוין אויסגעפיהרט מיטלוויז דורך איינפיהרען נייע איינמעלדונגס- און אויסמעלדונגס-פארמולארען, נומערציע פון די הייזער, וואוינונגען א.א.וו.

פאר דער בעפעלקערונג איז דאס קאנצענטרירען אויף איין ארט זייערע דאקומענטען זעהר וויכטיג און ס'וועט זיי איינשפארען דאס ארומלויפען און ארומפאהרען נאך דאקומענטען אין פערשידענע שטעלען.

ביים איינשטעלען די נייע רעגיסטראציע וועט וואהרשיינליך נישט איינעם אויסקומען שווערליך, בפרט ביים אויספילען פערשידענע פארמולארען צוזאמעלען פערשידענע דאקומענטען, אפשריפטען א.א.וו. אבער ווען יעדער וועט פאר זיך שאפען אנ'ארט היפאטעק פון זיינע פאפירען און פערזענליכע דאקומענטען, וואס וועלען זיך געפינען אויף איין ארט, וועט די פראגע פיל פערלייכטערט ווערען.

הלוואה פון 3 מיליאן זלאטיס אויף קאנאליזאציע

(2) דער מאגיסטראט האט בעקומען א מיטטיילונג פון דער צענטראל-מאכט אין ווארשא, אז אויף צדורכצופיהרען די קאנאליזאציע-ארבייטען בעקומט לאדז אנ'הלוואה פון 3 מיליאן זל.

אין צוזאמענהאנג דערמיט איז נעכטען געפאהרען קיין ווארשא דער פרעזידענט זשעמינצקי מיט'ן וויצע-פרעזידענט ראפאלסקי.

פערשידענעס

(2) ווי מען אינפארמירט אונז וועט די פירמע „באטא" נישט עפענען קיין פאבריק אין פיעטרקאוו, מעגליך, אז אין א לאנגע צייט ארום וועט די פירמע בויען א פאבריק אין קאטאוויץ, אדער אין סאסנאוויץ.

אפטייקען
היינטיגע נאכט-דיזשורען

(2) קאפראוויסקי, נאוואמיעסקא 15, טראווקאווסקי, בזשע.שינער 56, ראזענבלום צעגעלניאנא 12, בארטאשעווסקי, פיעטרקאווער 96, קליפאטש קאנטנא 54, טשנסקי ראקאטשינסקא 53.

לוי' פון קאמיסאר ווילטשינסקי

(2) נעכטען פארמיטאג איז פארגעקומען מיט גרויס פאראד די לוי' פון קאמיסאר ווילטשינסקי, די לוי' איז געגאנגען איבער די הויפט-גאסען צו דער קאלישער באהן-סטאציע און פון דארט איז דער פערשטארבענער איבערגעפיהרט געווארען קיין שעדלעץ.

* * *

אויפ'ן ארט פון קאמיסאר ווילטשינסקי איז בעשטימט געווארען דער לייטער פון 9 טען קאמיסאריאט, אונטער-קאמיסאר מאטולעוויטש. אויפ'ן ארט פון מאטולעוויטש'ן ווערט בעשטימט אונטער-קאמיסאר קאזשימירוש בערטעל.

די קאנצערט-אקאדעמיע פון „קרן קימת"

די קאנצערט-אקאדעמיע, וועלכע קומט פאר היינט דאנערשטאג אין פילהארמאניע זאל מיט'ן אנטייל פון פארשטעהער פ[ו]ן „קרן קימת" דירעקטאר ד"ר ש. יוריס פון א"י ישראל, האט ארויסגערופען א גרויסען אינטערעס.

ד"ר ש. יוריס וועט אין זיין רעפעראט אויך דער אקאדעמיע בעזונדערס בעריהרען די איצטיגע אקטועלע פראבלעמען פון דעם א"י ישראל אויפבוי.

בעזונדערס אינטערעסאנט זעהט אויס צו זיין אויך דער מוזיקאלישער טייל, וואס ווערט אויסגעפיהרט דורכ'ן „הזמיר" און וועלכער נעמט ארום סאלא-נומערן, טריא, ארקעסטער א.א.וו.

נייער באר אין לאדז

היינט ווערט ערעפענט אויף ציגעל-גאס 33 א באר „עדלאן". דער באר וועט שטענדיג זיין רייך פערזעהען מיט פרישע צובייסען און ס'וועט ארויסגעגעבען ווערען גלייכצייטיג מיטאגען און אווענדברויטען. די נייע פירמע אונטער דער לייטונג פון די ה"ה ראגענפיש וועט זיך בעמיהען מיט אלע מעגליכקייטען צו ווערבירען זיך די גרעסטע צאהל קאנסומענטען.

מעגליכקייט פון א שפאלטונג אין דער פעלקער-ליגע
אויב די דייטשען זאלען האבען א דורכפאל איז גענף
ערב דער סעסיע פון פעלקער-ליגע-ראט

פאריז, 14. (אטע) אין צוזאמענהאנג מיט דער נעכטיגער קאנפערענץ צווישען פוילישען אויסערן-מיניסטער זאלעסקי מיט בריאנען שרייבט די „עקא די פארי", אז דער דייטשער אמבאסאדאר פאן העש האט פארגעשטעלט בריאנען די פאדערונגען פון דער דייטשער רעגירונג, וואס זענען איבערגעשיקט געווארען קיין גענף, ס'געהען ארום קלאגען, אז אויב די דייטשע פאדערונגען אין גענף וועלען נישט ערפילט ווערען וועט קומען צו א שפאלטונג אין דער פעלקער-ליגע.

פאריז, 14. (אטע) דער ענגלישער אויסערן-מיניסטער הענדערסאן קומט היינט קיין פאריז, ער וועט אפהאלטען א קאנפערענץ מיט בריאנען און דאן וועלען ביידע מלוכה-מענער אפפאהרען צוזאמען קיין גענף.

אפשאפען די שקלאפעריי
אקציע פון דער פעלקער-ליגע

ניו-יארק, 14. (טו) אין די וואשינגטאנער פאליטישע קרייזען ווערט ערווארט, אז דער ראט פון דער פעלקער-ליגע וועט אוועקשיקען א קאמיסיע אין דער נעגער-רעפובליק ליבעריא. די קאמיסיע וועט האבען אנ'אויפגאבע אדורכצופיהרען די אפשאפונג פון דער שקלאפעריי. אמעריקא איז גרייט אנטיילצונעהמען אין אזא אקציע.

פאן-אייראפעאישע קאנפערענץ
מיט'ן אנטייל פון 27 אייראפ. מלוכות

גענף, 14. (ספ. טעל.) די זיצונג פון דער פאן-אייראפעאישער קאמיסיע הויבט זיך אן היינטיגען פרייטאג, פון 27 אייראפעאישע מלוכות, וועלכע זענען מיטגלידער פון דער פעלקער-ליגע וועלען 22 זיין פערטרעטען דורך זייערע אויסערן-מיניסטארען.

פויליש-רומענישער שידום-אפמאך
פערלענגערט אויף ווייטערע 5 יאהר

גענף, 14. (טו) דער פוילישער אויסערן-מיניסטער זאלעסקי, וועלכער געפינט זיך שוין אין גענף האט אפגעהאלטען א לאנגע קאנפערענץ מיט'ן יוגאסלאווישען און רומענישען אויסערן-מיניסטאר־ען.

היינט דאנערשטאג וועט אונטערגעשריבען ווערען א פראטאקאל וועגען פערלענגערען דעם שידום-אפמאך צווישען פוילען און רומעניען אויף ווייטערדיגע 5 יאהר.

Dr. med.
M. LERNER
ספעציאליסט פאר קינדער-קראנקהייטען
זאכאדניא 64, טעל. 113-09
נעהמט אן פון 3 ביז 5 נאכמיטאג.

Doktór KLINGER
ספעציאל-ארצט פאר ווענער שע, הויט און האר-קראנקהייטען
ANDRZEJA 2, tel. 132-28
נעהמט אן פון 9–11 פריה און פון 5–8 אווענד און פון 1–2 נ"מ אין דער „לעטשניצא פיעטריקאווער 62"

מאשין-מצות
ווערט געבאקען אלע טאג פרישע און דינע ... אויף מצה-מעהל, אייער-פערפעל ... סובארקעס לויט קארלסבאדער סיסטעם מיר עמפפעהלען צו יעדער צייט אונזער גוט-בעקאנטע און פרישע געבעקסען פון אונזער איבעראל בעוואוסטער צוקערביע
ב. וויינבערג
38 פיעטריקאווער 38
טעל 143-82

לאדז, 15 יאנואר 1931

„נייער פאלקסבלאט"

לאדז, 15 יאנואר 1931

די דעבאטע וועגן בודזשעט

דער סיים האָט בעגייט זיינע זיצונגען, די חגאות זענען שוין לאַנג אַוועק, אָבער דאָס האָט נישט קיין שייכות צום סיים. גראָד דער דאָזיגער אינסטיטוציע, וועלכע איז שוין היינט אַ גוטע און וואוילע וואָלט מען געגעבען אַנ׳אָהנטערמיניגען אורלויב, הגם אין איהר זיצט אַנ׳אייגענע מעהר־הייט.

פערפאַלען. פערהאַן אַ סיים און מען מוז מיט עפּעס יוצא זיין, מען מוז איבערקומען און פּטר׳ן דעם בודזשעט אין סיים.

דאָס „איינסעל" פּרובט מאַכען אַנ׳אָנשטעל, אַז די וועלט זאָל נישט מיינען, בכן די 247 דעפּוטאַטען איהרע שטעהן גרייט אויף „באַטשנאָשטש" צו שטימען פאַר׳ן בודזשעט, ווי די רעגירונג האָט איהם אויסגעאַרבייט און מען מאַכט זיך דעריבער שטריי־כען אָדער פערגרעסערען געוויסע פּאַזיציעס — אַ בעוויז, אַז דער „איינסעל" קלוב איז זעלבסט־שטענדיג, קיין איבעריגען צוטרוי ערוועקט אָבער נישט דער דאָזיגער מאַנעוור.

מען ווייסט, אַז די רעגירונגס־קרייזען נעהמען זיך נישט אַזוי שטאַרק איבער נישט מיט׳ן בו־דזשעט, וועלכען דער סיים בעשליסט און נישט אַפילו מיט׳ן פּרעלימינאַר, וועלכען די רעגירונג האָט אַליין אויסגעאַרבייט, דער מיניסטער אַליין ערקלערט, אַז „וויכטיגער איז דאָס רעאַליזירען דעם בודזשעט, ווי דאָס צוזאַמענשטעלען איהם". אויף דער וועלט פיהרט זיך, אַז די רעגירונגען בעמיהען זיך אויסצופיהרען דעם בודזשעט אַזוי ווי ער איז צוזאַמענגעשטעלט און צוזאַמענגעשטעלט זאָל ער ווערען אַזוי, אַז ער זאָל קענען ווערען אויסגעפיהרט, ביי אונז אָבער איז מאַכען אַ בו־דזשעט — איין זאַך און אויספיהרען דעם בו־דזשעט אַ צווייטע זאַך, וואָלט מען ביי אונז גע־וואָלט שפּילען אין אָפענע קאָרטען, וואָלט אַבסאָ־לוט גענוג געווען צו בעשטימען אַ בודזשעט אין אַ קיילעכדיגער סומע, לאָמיר זאָגען, פון זיבען מיליאַרד זלאָטיס און ווי אַזוי די סומע צו פערווע־דען — איבערלאָזען דעם איינזעהן פון דער רע־גירונג. אַלץ איבעריגע איז דאָך סיי ווי אַ דע־קאָראַציע, אַ שפּיל אין פּאַרלאַמענטאַריזם. נישט אַזוי פיל, כלפּי פנים, ווי כלפּי חוץ — פאַר אויסלאַנד.

די אָפּאָזיציע נוצט אויס די בודזשעט־דעבאַטע, כדי זיך אַביסעל דורכצושמועסען און אָפּצורעכענען מיט יעדען פון די מיניסטאָרען און קלאָר צו מאַ־כען פאַר׳ן לאַנד אַ סך און אַ סך זאַכען, דאָס טאַקע טוט דער סאַנאַציע גוט וועה און בעזונדערס פערלאַנגט די אָפּאָזיציע, אַז אין אזא עקאָנאָמיש שווערען קריזיס ווי היינט, זאָל דער בודזשעט נישט האָבען אזא ריזיגע ציפער ווי 3 מיליאַרד זלאָטיס, נאָר מען זאָל אין איהם מאַכען די נויטיגע און מעגליכע אָפּשפּאָרונגען. דערויף האָט די סאנאציע צוגעגרייט „אַ שפּיצעל". די סאַנאַציע, דער „איינסעל"־קלוב וועט דאָס קומען מיט אַ פאָרשלאַג וועגען רעדוצירען דעם בודזשעט, אָבער די רעדוקציע זאָל זיין געווענדעט געגען די דעפּו־טאַטען, דאָס וועט זיין אַ פאָרשלאַג צו פערקלענע־רען די דיעטען פון די דעפּוטאַטען אויף 15 פּראָצ., דאָס וועט הייסען: ווילסט שפּאָרזאַמקייט — ווייס טון אַ טעם.

פערשטעהט זיך, אַז דאָס איז נישט מעהר ווי אַ שפּיצעל, אויסגערעכענט דערויף, אַז אפשר וועט וועלכער קלוב נישט וועלען מסכים זיין דערויף, וועט מען האָבען אַ מעגליכקייט צו שרייען, אַז דער סיים וויל נישט מעהר נאָר פּענסיע. דאָס וועט אָבער נישט לעזען די עצם פּראַגע, אַז דער בודזשעט איז אַנ׳אונמעגליכער ביי די איצטיגע בעדינגונגען, און אַז בנוגע די נאַציאָנאַלע מינדער־הייטען בכלל און פאַר די יודען בפרט איז ער אַ דאָקומענט פון דער פּאַקטישער אונגלייכהייט, וואָס הערשט היינט אין פּוילען. אָבער דאָס איז שוין אַ בעזונדער קאַפּיטעל.

נ.

——=:0:=——

וואס דארף געטון ווערן, כדי צו העלפען די ארבייטסלאזע?

אין אַ גרויסען אַרטיקעל „צי וועט די רעגי־רונג און די סאַנאַציע־מעהרהייט פון סיים זיך ענד־ליך פערנעהמען מיט דעם גורל פון די אַרבייטס־לאָזע"? שרייבט דער „ראָבאָטניק":

„די גאַנצע אינדוסטרי אין פּוילען אַרבייט אַפילו אין דער צייט פון שאַרפען קריזיס אַ מאַסע איבער׳שעה׳ען. אויב מ׳זאָל אָננעהמען, אַז די קויהלען־אינדוסטרי האָט אין דער צייט, ווען די גרובענס זענען געווען טעטיג בלויז 3 ביז 4 טאָג, דורכשניטליך אָפּגעאַרבייט 125 טויזענד איבער־טעג און האָט דעריבער געקאָנט בעשעפטיגען, 5 טויזענד אַרבייטער מעהר, וועלען מיר נישט זיין ווייט פון אמת, בעהויפּטענדיג, אַז ווען די רעגירונג וואָלט נישט דערלאָזט צו אַרבייטען קיין איבער׳שעה׳ען, וואָלט מען אין דער גאַנצער אינ־דוסטרי געקאָנט בעשעפטיגען אַנ׳ערך 50 טוי־זענד אַרבייטער מעהר. עס איז דאָך בעקאַנט, אַז די טעקסטיל־אינדוסטרי, מעטאַל־אינדוסטרי, הו־טעס, באַהנען, דערנעהרונגס־אינדוסטרי ווענדען אָן איבער׳שעה׳ען בעדייטענד מעהר, ווי די קויהלען־אינדוסטרי.

אַ שאָד, וואָס מיר האָבען נישט אין די דאָזיגע אינדוסטריען אזא סטאַטיסטיק, ווי אין דער בערג־בוי. מיר וואָלטען דאַן מיט ציפערען אָנגעוויזען דעם ווילדען אונזין, ווי אַזוי די רעאַקציאָנערע דומהייט פון אונזערע קאַפּיטאַליסטען צווינגט איין טייל פון די אַרבייטער צו אַ צו לאַנגער אַרבייט, בעת דער צווייטער טייל איז אָהן אַרבייט און געהט ממש אויס פון הונגער.

„אַ צווייטער ביישפּיל: אַ קאָלאָסאַלע מאַסע אַר־בייטער איז פערעכענט אין דער גרופּע, וואָס אַרבייטען 12 שעה אַ טאָג ביי די אַזוי גערופענע אַרבייטען פון שטענדיגער בעוועגונג. צי וואָלט מען דאָ נישט געקאָנט איינפיהרען אַפילו מיט געווינס פאַר דער אינדוסטרי אַנ׳אַכט־שעה׳דיגען אַרבייטס־טאָג? און אויף אזא אופן בעשעפטיגען מיט איין שיכט מעהר. דאָ וואָלט מען געקאָנט פערווענדען אַנ׳ערך 30 טויזענד נייע אַרבייטער. אָדער צי איז נישט אַ שרייענדיגע אונגערעכטיג־קייט, אַז אין דער צייט, ווען מאַסען אינטעלעקטו־עלע און פיזישע אַרבייטער ליידען מיט זייערע פאַמיליעס נויט, זאָלען אויף רעגירונגס־פּאָסטענס, אין די זעלבסטפערוואַלטונגען און פערזיכערונגס־אינסטיטוציעס און אין פּריוואַטע אונטערנעהמונ־גען טויזענדטער מענשען בעהמען בעדייטענדע רענ־טעס און עמעריטורעס פון דער מלוכה און פון אַנדער „אינסטיטוציעס? צי וואָלט נישט געווען פערנינפטיג, אַז די דאָזיגע פּאָסטענס זאָלען פער־נעהמען אַרבייטסלאָזע? ענדליך, צי איז נישט אַ באַרבאַרישקייט און אַ שטראָפוואָרטע פערשווענדונג פון אַרבייטס־קראַפט, ווען מענשען, ערשעפּטע פון אַרבייט און יאָהרען זענען געצוואונגען צוליב מאַנ־געל אין פערזיכערונג אויף דער עלטער, זיך האַל־טען מיט אַלע מיטלען ביי דער אַרבייט אין דער אינדוסטרי, אין דער צייט, ווען טויזענדטער גע־זונדטע און יונגע מענשען קאָנען נישט בעקומען קיין אַרבייט, ווערען דעמאָראַליזירט און סוף כל סוף קומען זיי אום פון נויט, אָדער זיי פערפילען די טורמעס?

„נעבען די דאָזיגע מיטלען, וואָס זענען לייכט רעאַליזירט צו ווערען, וואָס קאָנען געבען אַרבייט פאַר טויזענדער אַרבייטסלאָזע, וואָלט מען אויך געקאָנט פערקלענערען די אונפערשעהמט הויכע — אויפ׳ן פאָן פון דער אַלגמיינער נויט — הכנסות פון די דירעקטאָרען, פּרעזעסען, מיטגלידער פון אויפזיכטס־ראַטען אי ןדער אינדוסטריע און הויבען די לוינען פון די קאַטעגאָריעס אַרבייטער, וועלכע פערדינען צום ווענינגסטען, כדי זיי זאָלען קאָנען בעסער לעבען, פערגרעסערען די קאָנסומפּציע, פער־ברייטערען דעם אָפּזאַץ־מאַרק און געבען אויף אזא אופן אַרבייט נייע אַרבייטער.

═════

בונט פון 400 ארעסטאנטען

מיט שטראָמען קאַלט וואַסער בערוהיגט מען די צובונטעוועטע

פון בידגאָשטש טיילט מען מיט:

אין דער טורמע אין קאראנאוו נעבען ביד־גאָשטש, וועלכע איז איינע פון די גרעסטע טור־מעס אין פּאָמערען, איז געקומען צו אַ גרויסען בונט פון די אַרעסטאַנטען.

די אַרעסטאַנטען האָבען זיך שוין אַ לענגערע צייט געקלאָגט אויף דער שלעכטער דערנעהרונג און ערקלערט, אַז ווייטער דולדען דעם מצב ווע־זיי נישט, ביז עס איז געקומען צו אַ שטאַרקען אויסברוך. שוין שבת האָבען די אַרעסטאַנטען אָנ־געהויבען צו מאַכען אַוואַנטורעס און זיך צו קריגען מיט די אויפזעהער.

זונטאָג איז די אויפרעגונג אויסגעבראָכען מיט נאָך אַ גרעסערער קראַפט, זונטאָג ביינאַג, בעת׳ן פונאַנדערטיילען דעם מיטאָג, האָבען די אַרעס־טאַנטען, אין אַ צאָהל פון 400, אָנגעהויבען צו פּראָטעסטירען, שרייענדיג און דראָהענדיג די וועכ־טער און די קוכאַזשעס.

צוליב דער האַלטונג פון די אַרעסטאַנטען האָט די טורמע־אַדמיניסטראַציע אָנגענומען שאַרפע פאָרזיכטס־מיטלען. אין דער נאַכט פון זונטאָג אויף מאָנטאָג האָבען עטליכע צעהנדליג אַרעסטאַנטען פון צווייטען שטאָק אויסגעהאַקט לעכער אין די ווענד און גענומען זיך אַראָפּלאָזען אויף שנורען, וועלכע זענען געמאַכט געוואָרען פון ליילעכער, אויפ׳ן הויף.

דער פּרוב צו אַנטלויפען איז אָבער נישט געלונגען, מ׳האָט די אַרעסטאַנטען געכאַפּט און צוריק איינגעזעצט אין טורמע.

דינסטאָג אינדערפריה איז אויסגעבראָכען אַ פאַרמעלער בונט, פון אַלע קאַמערען האָבען זיך גענומען טראָגען מורא׳דיגע געשרייען. גלייכצייטיג האָבען די אַרעסטאַנטען אָנגעהויבען אויסזעצען די שויבען און צוברעכען און דעמאָלירען אַלצדינג, וואָס זיי האָבען נאָר געקאָנט.

די דירעקציע פון דער טורמע האָט זיך גע־ווענדט נאָך הילף קיין בידגאָשטש, פון וואַנען מ׳־האָט אַרויסגעשיקט 50 פּאָליציאַנטען און אַני־אָפּטיילונג פייערוועהר.

די פייערלעשער זענען אויף לייטערס אַרויף צו די פענסטער פון די קאַמערען און האָבען גע־לאָזט אויף די אַרעסטאַנטען שטראָמען קאַלט וואַ־סער. אין משך פון צוויי שעה איז געלונגען די אַרעסטאַנטען צו בערוהיגען, אָבער די טורמע־וועכטער געפינען זיך ווייטער אין שאַרפער וואַך, ווייל מ׳האָט מורא פאַר אַנ׳אויסברוך פון ווייטער־דיגע אונרוהען.

———

אלע לענדער שליסען זייערע טויערען

בעריכט פון „דזשאינט פאריען קאמיטע" וועגען דער לאגע פון די יודען אין פערשידענע לענדער

לאנדאן, (יט״א) דאָ איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון דער „אנגלא דזשואיש אסאסיאיישן", אויף וועלכער דער סעקרעטאַר פון „דזשאָינט פאָר־יען קאָמיטע" י. מ. ריטש האָט אָפּגעגעבען אַ בע־ריכט וועגען דער לאַגע פון די יודען אין פערשידענע לענדער. דאָס אַלגעמיינע בילד — האָט ערקלערט ה׳ ריטש — איז גאַנץ טרויעריג. די ווירטשאַפטליכע און פּאָליטישע לאַגע פון די יודען האָט זיך פער־ערגערט. דער אַנטיסעמיטיזם האָט זיך פערשטאַרקט און נעהמט אָן אַלץ שאַרפערע און ברוטאַלע פאָרמען. די נאָהענטסטע חדשים מוזען אַרויס־רופען אַנ׳ערנסטע בעאונרוהיגונג וועגען גורל פון די יודען אין אַ רייה לענדער.

ה׳ ריטש האָט דאַן פאָרגעלעזען אַ פערטרוי־ערליכען מעמאָריאַל, וואָס איז צונויפגעשטעלט גע־וואָרען דורך דעם יודיש־אַמעריקאַנער קאָמיטעט וועגען דער לאַגע פון די יודען אין דייטשלאַנד. ה׳ ריטש האָט נאָכדעם בעריהרט די אָנגעוועהטאָגטע פראגע פון די „שטאַטסלאָזע" אין טשעכאָסלאָוואַקיי, וואָס איז נאָך אַלץ נישט געלעזט געוואָרען, ווי אויך דעם עלילת־דם־פּראָצעס.

דער „דזשאָינט פאָריען קאָמיטע" בעשעפטיגט זיך אויך מיט דער לאַגע פון די „שטאַטסלאָזע" אין ליטע, וועלכע געפינען זיך אין אַ געפאַהר צוליב די לעצטע פעראָרדנונגען פון דער ליטווי־שער רעגירונג.

דער „דזשאָינט פאָריען קאָמיטע" האָט בעקומען פיל ביטעס פון אויסלענדישע יודישע אַר־גאַניזאַציעס וועגען פינאַנציעלער הילף. ער דיס־פּאָנירט אָבער מיט גאַנץ בעדייטענדע פאָנדען.

ד״ר קלאָר מאָנטעפיאָרע איז מסכים מיט׳ן רע־פערענט, אַז דער אַלגעמיינער מצב פון די יודען איז גאַנץ טרויעריג. עס זענען אָבער פערהאַן אויך פּאָזיטיווע מאָמענטען ווי די ענערגישע מיטלען געגען אַנטיסעמיטיזם אין רומעניען און די שטאַר־קע קריסטליכע בעוועגונג געגען היטלעריזם.

נאָכדעם האָט גענומען דאָס וואָרט דער פּרעז־זידענט פון דער „אנגלא דזשואיש אסאשאיישן" ה׳ לעאָנאַרד מאָנטעפיאָרע, וועלכער האָט ערקלערט, אַז סוף יאַנואַר וועט פאָרקומען אין לאָנדאָן אַ זי־צונג פון „פונדיישן" מיט׳ן אנטייל פון „דזשאינט" און י. ק. א.

בעריכטענדיג וועגען דער לאַגע פון די יודישע קאָלאָניעס אין אַרגענטינא און קאנאדע האָט ה׳ מאָנטעפיאָרע אָנגעוויזען, דאָס זיי האָבען שטאַרק געליטען פון פאַלען פון די תבואה־פרייזען. די ווערט פון ווייצען־שניט אין קאנאדע איז אין יאָהר 1930 געפאַלען ביז 146 מיליאָן דאלאר אין פער־גלייך מיט 320 מיליאָן אין יאָהר 1929. די פריי־זען זענען פיל נידריגער פון די פּראָדוקציאָנס־קאָסטען. די ווירטשאַפטליך־פערפעסטיגטע יודישע קאָלאָניעס וועלען בעווייזען דורכקומען די שווערע צייטען. די אייראָפּעאישע לענדער ליידען אויך, ווי בעקאַנט, פון לאַנדווירטשאַפטליכען קריזיס און די יק״א קומט צו הילף די יודישע לאַנדווירטען און גערטנער אין פּוילען. יק״א האָט געשטיצט מיט קרעדיט העכער 2000 יודישע לאַנדווירטען משפחות אין ווילנער קאַנט. די יק״א האָט בדעה צו עפענען אַ ביוראָ אין לעמבערג, כדי בעסער צו בעדינען די יודישע לאַנדווירטען אין מזרח־גאַליציען. אין קאָנגרעס־פּוילען איז די יודישע בעפעלקערונג קאָנצענטרירט אין די שטעט און שטעטלעך, דאַגעגען אין מזרח־גאַליציען זענען די יודען צושפּרייט איבער די דערפער, דעריבער איז די הילפס־טעטיגקייט זעהר בעשווערט. לעצ־טענס האָבען די שליחים פון יק״א בעזוכט 90 דערפער עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרען, דאָס צווישען די 8000 יודישע משפחות, קען מען 4,800 משפחות קומען צו הילף מיט קרעדיט.

די עמיגראַציאָנס־אַרבייט טרעפט אָן אויף גרוי־סע שוועריגקייטען, אַלע לענדער שליסען זייערע טויערן פאַר נייע אימיגראַנטען. דער ספרדישער חכם ד״ר גאַסטער האָט ערקלערט, אַז מען דאַרף רעוויזירען די גאַנצע פראַגע וועגען עמיגראַציע. די הויפּט־ענערגיע דאַרף אָנגעווענדעט ווערען ביים איינאָרדנען די יודען אין זייערע [illegible] לענדער.

ד״ר עלקאַן אַדלער האָט דאַגעגען אָנגעווי־זען, אַז עס זענען נאָך פערהאַן גרויסע מעגליכקייטען פאַר די יודישע מאַסען אין צענטראַל און דרום־אַמעריקא.

עס האט איהם געצויגן צו יודען

א זוהן פון א רוסישען אדמיראל זיך מגייר געווען און פאָהרט קיין א״י

ראָוונע, (יט״א) אין ראָוונע ווייל איצט אויפ׳ן וועג קיין א״י דער גר אברהם בן־אברהם, אַ זוהן פון גוי. אַדמיראַל מאַקאַראָוו (איז דער־טרונקען געוואָרען מיט דער פּאַנצער־שיף „פּיעט־ראַ־פּאַוולאָווסק" בעת דעם רוסיש־יאַפּאַנישען קריג) וועלכער האָט זיך נישט לאַנג מגייר געווען, גלייכ־צייטיג זענען אויך איבערגעגאַנגען צום יודענטום זיין פרוי און 3 עלטערע קינדער, אויף וואָס ער האָט אַ בעשטעטיגונג פון „חפץ־חיים".

אין אַ געשפּרעך מיט׳ן היגען יט״א־קאָרעס־פּאָנדענט האָט דער דערמאָהנטער גר איבערגע־געבען פאָלגענדעס: נאָך זיין פאָטערס טויט, האָט ער, זוכענדיג אין די דאָקומענטען געפינען אַ פּאַר־מעט מיט אזא כתב, וועלכער איז לגמרי געווען פאַר איהם אונפערשטענדליך, דערווייל האָט ער געטראָפען איינעם אַ בעקאַנטען יודען, וועלכער האָט איהם נאָכ׳ן איבערלייענען ערקלערט, אַז דער פּאַרמעט איז אַ יחוס־בריף פון זיין פאַמיליע, וועלכע איז געשטאַנען אין נאָהענטע קרובה׳שאַפט מיט ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער ז״ל. פון דעם מאָמענט אָן, פערזיכערט דער גר, האָט ער אַלץ נישט געהאַט קיין רוה און עס האָט איהם, ווי אַ מאַגנעטישע קראַפט עפּעס געצויגען צום יו־דענטום ביז ער האָט ענדליך בעשלאָסען זיך מגייר זיין און פאָהרען קיין ארץ־ישראל. אגב, האָט מאקאראוו לסוף צוגעגעבען, געפינען זיך זייבע בני־בית שוין פון אַ לענגערע צייט אין א״י און דעריבער פאָהרט ער די טעג אַהין.

═════

דער צוואוקס פון דער יודישער בעפעלקערונג אין טשעכאָסלאָוואַקיי

פּראַג, (יט״א) פון די רעזולטאַטען פון דער פאָלקס־צעהלונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין טשע־כאָסלאָוואַקיי אין דעצעמבער 1930, איז צו זעהן, אַז די צאָהל יודען, וואָס האָט אין יאָהר 1921 בעטראָפען 334,340 נפשות, איז איצט געשטיגען ביז 400,000 נפשות.

עס זענען פערהאן צוויי סאָרטען יודען

סענסאציאנעלע יודען־ערקלערונג פון קעניג קאראל

טשערנאָוויץ, (יטא") לויט אַ מעלדונג פון דעם דייטשען וועלט־פּרעסע־דינסט „האַנאָווער־קירכראַדע", האָט קעניג קאַראָל פון רומעניען אין אַ געשפּרעך מיט אַ פערטרעטער פון דעם דער־מאָהנטען פּרעסע־דינסט ערקלערט, אַז אין רומענ־יען לעבען צוויי סאָרטען יודען. די ספרד׳ישע יודען ווייזען נאָך אַרויס אַנ׳אינטערעס פאַר דער מלוכה. דאַגעגען זענען די רומענישע יודען, וואָס שטאַמען פון רוסלאַנד, פּוילען און גאַליציע, פּראָ־צענטניקעס, קרעטשמאַרעס און הענדלער און אַ דאַנק זיי קומען פּאָר אונרוהען אין לאַנד. די דער־מאָהנטע ערקלערונג פון קעניג קאַראל האָט געמאַכט אין דער יודישער עפענטליכקייט אַ שטאַרקען רושם.

ווי דער יט״א־קאָרעספּאָנדענט דערוויסט זיך, האָט סענאַטאָר ד״ר עבנער באַלד נאָך דעם בע־קענען זיך מיט דער ערקלערונג, אָנגעפרעגט טע־לעגראַפיש ביי דער קעניגליכער קאַנצעלאַריע, צי איז די מעלדונג פון „האַנאָווער קירכראַדע" אויי־טענטיש צו נייןּ.

ניי'ער פאלקסבלאט

דאס לאדזשער לעבן

ניי'ער פאלקסבלאט

געוועהלט נאר א יודישען מיטגליד

איז דער פערוואלטונג פון דער האנדווערקער קאמער

ענדעקישע אפאזיציע דעמאנסטראטיוו פערלאזט די זיצונג

צו דער נעכטיגער זיצונג פון דער האנדווער־קער קאמער האבען זיך ווי ס'האט זיך ארויסגע־שטעלט געגרייט אלע דריי גרופען, דאס זיינען די גרופע פון פרעזידענט שוואנקאווסקי, די אפאזיצ־יע און די יודען. די אפאזיציע — וואס ווערט אנגע־פיהרט דורך די ענדעקעס, וועלכע האבען איצט בעהערשט די קריסטליכע „רעסורסע" האט זיך גע־קליבען געבען א טויט־קלאפ דער סאנאציע־גרופע דורך בעזייטיגען זייער פיהרער דעם איצטיגען פרע־זידענט פון דער האנדווערקער־קאמער שוואנקאוו־סקי געגען וועלכען זיי האבען ארויסגערוקט פאר־ווארפען פון קרימינעלע, נאטור (מיסברויכען און מיסווירטשאפט).

באלד ביים אנהויב פון דער זיצונג האט די אפאזיציע אריינגעטראגען א פארשלאג אז דער טאג ארדנונג זאל געענדערט ווערען, זיי האבען פאר־געשלאגען, אז ס'אלען בעהאנדעלט ווערען 1) אומ־צוטרוי פאר דעם פרעזידענט 2) אנולירען די בע־שלוסען פון דער לעצטער פלענארער זיצונג פון דער האנדווערקער קאמער דאן זענען בעשטעטיגט געווארען די עקזאמענאציע קאמיסיעס אין וועלכע די יודען האבען בעקומען אנ'ענטשפרעכענדע פער־טרעטונג און ס'זענען אנגענומען געווארען א רייה גינסטיגע בעשלוסען וועגען די עקזאמענס (די רעד.) 3) אנולירען אלע בעשלוסען פון דער פערוואלטונג ווייל זי האט אנגענומען בעשלוסען אין דער אנוועזענהייט פון בלויז איין פערוואלטונגס - מיטגליד (לויט'ן סטאטוט דארף אויף די זיצונגען אנוועזענד זיין דער פרעזידענט, אדער וויצע פרעזידענט און נאך צוויי פערוואלטונגס מיטגלידער. די אפאזיציע האט געפסקנט אז דער וויצע פרעזידענט קאזמערסקי קען נישט פערעכענט ווערען פאר א פערוואלטונגס מיטגליד (!) דער דעלעגאט פון האנדעלס־מיניסטער־יום ה' מארקעוויטש קלערט אויף, אז די טאג־ארד־נונג וואס ס'שלאגט פאר די אפאזיציע קען נישט אנגענומען ווערען צוליב פארמעלע טעמים, און אויב זי וואלט אפילו אנגענומען געווארען וואלט ער זי אלס דעלעגאט פון מיניסטעריום נישט בע־שטעטיגט. אגב ערקלערט דער מיניסטעריום־דעלע־גאט אז אפילו ווען ס'וואלט אנגענומען געווארען אנ'אומצוטרוי־וואטום פאר דער פערוואלטונג אדער פאר א מיטגליד פון דער פערוואלטונג, וואלט עס קיין בעדייטונג נישט געהאט, ווייל די פערוואלטונג פון דער האנדווערקער קאמער ווערט אויסגעוועהלט אויף דער גאנצער צייט פון איהר קאדענץ און דאס געזעץ זעהט נישט פאראויס קיין פאל פון דימיסיע צוליב אומצוטרוי־וואטום. אויך דער פונקט וועגען אומצוטרוי צוליב'ן פינאנסיעלען בעריכט קען נישט קומען, ווייל אויב ס'האנדעלט זיך וועגען בעריכט פאר'ן יאהר 1929 איז ער קאנטראלירט געווארען דורכ'ן מיניסטעריום און בעשטעטיגט געווארען און פאר'ן יאהר 1930 איז דער בעריכט נאך נישט אפגעגעבען געווארען און בעשלוסען וועגען דעם דאזיגען בעריכט וועלען אנגענומען ווערען ערשט נאכדעם ווי די האנדווערקער קאמער וועט דעם בעריכט אויסהערען.

דערויף ערקלערט ה' קאפטשינסקי אין נאמען פון דער אפאזיציע, אז צוליב דער ערקלערונג פון מיניסטעריום דעלעגאט פערלאזען זיי די זיצונג פון זיצונגס־זאל געהען ארויס 11 ראטמענער און איינער פון זיי קוועסטיאנירט דעם קווארום.

מ'שטעלט פעסט, אז אין זאל זענען געבליבען 16 ראטמענער. דער דעלעגאט פון מיניסטעריום ערקלערט אז צום אנהויב פון דער זיצונג איז גע־ווען א קוואליפיצירטע מעהרהייט פון 27 מאן אויף 30. די זיצונג קען דעריבער פארקומען, קיינער פון די אנוועזענדע קוועסטיאנירט נישט דעם קווארום און די זיצונג הויבט זיך אן.

אין פרעזידיום ווערען איינגעלאדען אלס ביי־זיצענדע ה' גאלדבערג און קופינסקי און אלס סעק־רעטאר ה' קאדינסקי, ס'ווערט געלייענט דער פראָ־טאקאל, וועלכער ווערט מיט קליינע אויסבעסערונגען בעשטעטיגט נאכדעם טרעט מען צו צו בעשטעטיגען א סעקרעטאר די פערוואלטונג האט פון עטליכע צעהנדליג אפערטען זיך אפגעשטעלט אויף דריי: ה' האמערסקי א יוריסט פון קראקא, מאגיסטער גאנטשאראווסקי אינסטרוקטאר פון האנדווערקער עניבים אין דער לאדזער וואיעוואדזטווע און ה' דעמבאווסקי דירעקטאר פון דער שמעטישער האנד־ווערקער שול. בעת דער אבשטימונג בעקומען די ה"ה האמערסקי 3 שטימען, מאגיסטער גאנטשא־ראווסקי — 16 און ה' דעמבאווסקי — 15 שטימען, אזוי ארום איז אלס סעקרעטאר געווארען אנגאַ־זשירט מאגיסטער גאנטשאראווסקי.

נאכדעם איז מען צוגעטרעטען צו בעשטימען איינינע נייע עקזאמענאציע קאמיסיעס און א רייה נייע מיטגלידער אין די שוין עקזיסטירענדע קאָ־מיסיעס, די פארגעשלאגענע ליסטע מיט איינינע צוגאבען ווערען אנגענומען.

ס'ווערט ערקלערט א פויזע און מ'גרייט זיך צו דעם נייעם פונקט וואהלען פון נייע 2 פערוואל־טונגס מיטגלידער אויפ'ן ארט פון די ארויסגעטרע־טענע. ס'ווערען געוועהלט די ה"ה סענדאווסקי און קאדינסקי.

ה' קאדינסקי ערקלערט אז ער וויל דעם מאנ־דאט נישט אננעמען. די פראגע בלייבט דערווייל אפען.

אינ'ם פונקט פרייע פארשלאגען ווערט פאר־געשלאגען אין צוזאמענהאנג מיט דעם וואס ה' סענדאווסקי איז געווען א מיטגליד פון דער רעוויז־יאנס קאמיסיע צו וועהלען אויף זיין ארט אנ'־אנדער מיטגליד.

דאן פליסט ארייין א נייער פארשלאג, אז די אלטע רעוויזיאנס קאמיסיע זאל אויסגעלעזט ווערען, ווייל זי האט נישט אויסגעפיהרט די אויפגאבען וואס זענען איהר אנגעטרויעט געווארען.

דער פארשלאג ווערט אנגענומען און ס'ווערט געוועהלט א נייע רעוויזיאנס קאמיסיע: ראפאלסקי, כארמאץ פרוי מוסאצקא פערטרעטער — אורבאנסקי

צום סוף איז אנגענומען געווארען א צוטרוי־וואטום פאר דער פערוואלטונג און נאכדעם, ווי ה' גאנטשאראווסקי האט געדאנקט פאר'ן צוטרוי וואס ס'האבען איהם ארויסגעוויזען אלע ראטמענער פון דער האנדווערקער קאמער איז די זיצונג גע־שלאסען געווארען.

—=:0:=—

פראלאנגאציעס און באנקראטען

טעגליכע כראניק פון האנדעלס־געריכט

אין דעצעמבער האט די פירמע יוזעף דא־ווידאוויטש זיך געווענדעט וועגען פראלאנגירען איהר די צאהלונגען. די פירמע בעזיצט אומבע־וועגליכע גיטער וואס זענען אפגעשאצט אויף 577.931 זל. און די יעהרליכע הכנסה בעטרעפט 65.510 זל.

די לאדזשער האנדעלס־קאמער האט וועגען דער ווענדונג ארויסגעגעבען א פאזיטיווע מיינונג אויך די עקספערטען האבען ארויסגעזאגט א גוטע מיינונג וועגען דער פירמע. דאס געריכט האט ערטיילט דער פירמע א פראלאנגאציע אויף 3 חדשים אנהויבענדיג פון 13 יאנואר ה. י.

* * *

די פירמעס „לודוויק גליק", „הערמאן מאל־פאן" און „סאלאמאן לעווינזאן" האבען זיך גע־ווענדעט אין געריכט אויך צו ערקלערען די פירמע „יעקב ראזענטאל" (ווסכאדניא 76) פאר באנקראט, ווייל פון 10 דעצעמבער 1930 צאהלט נישט די פירמע איהרע וועקסלען און די דערמאנטע פירמעס האבען שוין פראטעסטען אויף איבער 10 טויזענט זלאטעס.

דאס געריכט האט ערקלערט יעקב ראזענטאל פאר באנקראט פון 10 דעצעמבער 1930 און דעם באנקראטירטען בעשטימט אונטער פאליציי־אויפזיכט.

דעלעגאציע פון צענטראלען סוחרים־פעראיין (פיעטרק. 10)

אינטערווענירט אין פינאנץ־קאמער וועגען שטייער־ענינים

ווי בעקאנט ענדיגט זיך דעם 15 יאנואר דער טערמין איינצוצאהלען די 4 ראטע פון דער זאליטשקע אויפ'ן אומזאץ־שטייער, די סוחרים וואס זענען אויסגעלייזיגט אין צוזאמענהאנג מיט'ן אויס־קויפען פאטענטען און פערשטארקטע עקזעקוציעס קענען די ראטע איצט נישט איינצאהלען און ווענ־דען זיך אין די אמטען וועגען פונאנדערלעגען די קאנטא אויף ראטעס.

אבער די אמטען רעכענען זיך נישט מיט דער לאגע און האבען נאכאנאנד אפגעזאגט. דאס האט ארויסגערופען א שטארקע פערביטערונג ביי די סוחרים און א דעלעגאציע פון צענטראלען סוחרים־און פאבריקאנטען - פעראיין (פיעטרקאווער 10) האט זיך געווענדעט צום לייטער פון דער 2 אפטיילונג ביי דער פינאנץ־קאמער.

די דעלעגאציע האט דעם לייטער גרעלעוויטש פארגעשטעלט די שווערע לאגע פונ'ם סוחר'סום און געבעטען צו פעראָרדנען די ווענדונגען פון די סוחרים טראקטירען גינסטיג. ה' גרעלעוויטש האט די דעלעגאציע פריינדליך אויפגענומען און אייפ'ן ארט ארויסגעגעבען א פעראָרדנונג אלע לייטערס פון די פינאנץ אמטען, אז זיי זאלען גינסטיג טראקטירען די ווענדונגען וועגען פונאנדערלעגען אויף ראטעס די שטייערן.

כוליגאנעס טעראריזירען יודישע הענדלער אויפ'ן באלוטער מארק

זינט א געוויסער צייט האבען זיך אויפ'ן באלוטער מארק בעוויזען א גרופע כוליגאנעס, וועלכע טעראָריזירען די דארטיגע יודישע הענדלער. שלא־גען זיי, און נעמען אפילו ביי זיי צו זייערע סחורות, דאס גאנצע ביסעל פערמעגען, וואס יענע בע־זיצען. די געליטענע קליינהענדלער ווענדען זיך צום נאהענט־שטעהענדען פאליציאנט, אבער ביז יענער קומט־צו איז שוין פון די כוליגאנעס קיין זכר נישט פערבליבען.

די כוליגאנעס ווידער זעהענדיג, אז זייערע מעשים טרעפען אויף א קנאפען ווידערשטאנד ווע־רען אלץ דרייסטער. היינטיגען דינסטאג האבען זיי אויפ'ן באלוטער מארק איינגעארדנעט א שטיק־שטיקעלע פאגראם, פון וועלכען ס'האבען געליטען עטליכע קליינהענדלער, וואס האבען פערלוירען זייער גאנצען בעוועגליכען קאפיטאל.

אזוי גיט מען אונז איבער האבען די כולי־גאנעס ביי ישראל וויינשטיין, מלינארסקא גענומען א פעקעל וועש אין ווערט פון 50 זל. ביי שלמה וואלינסקי עטליכע מארינארקעס, ביי פייגע ראזענבלום - א וואליזקע מיט זאקען, ביי שכנא גאלדלוסט בערק יאסעלעוויטש גאס 15 — גאלאנטעריע אויף 50 זל. א.א.וו.

די קליינהענדלער האבען געשטעלט א ווידער־שטאנד, אבער די כוליגאנעס האבען זיי אנגע־שלאגען און זענען אוועק פון קיינעם נישט גע־שטערט.

די קליינהענדלער, וואס האבען מורא איינ־צושטעלען זייער לעבען און פערמעגען, האבען זיך געווענדעט אין זייער פעראיין און דער פרעזעס ה' קירשבוים האט זיך געווענדעט צו דעם ד"ר ראזענבלאט, אז ער זאל אינטערווענירען ביי דער נעהעריגער מאכט. אין פאליציי קאמאנדא האט מען צוגעזאגט, אז אין די מארק־טעג וועט אויפ'ן פלאץ אוועקגעשטעלט ווערען א פערשטארקטע וואך.

DR. MED.

L. Pikielny

אורלאג

ספעציאל־ארצט פאר נירן, בלאז און אירין־קראנקה.

NAWROT 8, tel. 2,19-90

נעמט אן פון 12—1 און פון 7—4 אווענד.

DOKTÓR

H. WOŁKOWYSK

האט זיך איבערגעצויגען אויף

צעגעלניאנא 36, טעל. 90־216

ספעציאל־ארצט פאר הויט־ און ווענערישע קראנקהייטען, מענער־שוואכע, אלע ארט אנאליזען, עלעקטראטעראפיע, בעהאנדלונג מיט קווארץ־שטראהלען

נעמט אן פון 9 — 2 נאכמ. און פון 5 — 9 אווענד פאר דאמען בעזונדערען ווארטע־צימער.

יאנואר

זון־אויפגאנג 7.43

זון־אונטערגאנג 3.43

דאנערשטאג

15

כו

טבת תרצ"א

רעגיסטראציע פון ארבייטסלאזע

מאנטאג ד. 12 יאנואר האט זיך אנגעהויבען די רעגיסטראציע אויף דרינגענדע שטיצע פאר דעצעמבער פאר ארבייטסלאזע, וועלכע האבען בעקומען שטיצע פאר נאוועמבער און אויך פאר די ארבייטסלאזע, וועלכע האבען שוין אויסגעשעפט אלע ראטעס פון שטיצע אין נאוועמבער.

די רעגיסטראציע קומט פאר אין לאקאל פון אונטערשטיצונגס־אמט פאר ארבייטסלאזע אויף דער גאס פון 28 פולק קאנ. שיסער 32 פון 9 ביז 2 בייטאג לויט פאלגענדען סדר:

דאנערשטאג, דעם 15.

M N O

פרייטאג, דעם 16.

R. S

שבת, דעם 17.

T U W Z Ż.

רעגיסטראציע פון ארבייטסלאזע אויף דרינגענדע שטיצע

(א) דער אונטערשטיצונגס־אמט ביים מאגיסטראט איז מודיע, אז ס'האט זיך אנגעהויבען די רעגיסטראציע אויף דרינגענדע מלוכה־אונטערשטיצונג פאר פוילישע ארבייטסלאזע, וועלכע קענען בעקומען:

1) די וואס האבען שוין אויסגענוצט די געזעצליכע שטיצע פון ארבייטסלאזען־פאנד נאכ'ן יאנואר 1930;

2) וועלכע קריגען נישט קיין געזעצליכע שטיצע פון ארבייטסלאזען־פאנד אין דער צייט פון „טויטען סעזאן" (פון 15 דעצעמבער ביז'ן 1 מערץ 1931);

3) די וואס בעקומען נישט קיין שטיצע פון ארבייטסלאזען־פאנד און זענען פון 1 יאנואר 1930 געווען בעשעפטיגט ווייניגסטענס 4 וואכען אין אנשטאלטען וואס אונטערליגען דער פערזיכערונגס געזעץ או פ'ן פאל פון ארבייטסלאזיגקייט.

4) די וואס האבען זייט'ן 1 יאנואר 1928 געארבייט ווייניגסטענס 6 חדשים אין אנ'אנשטאלט, וואס אונטערליגט דער פערזיכערונגס־געזעץ אויפ'ן פאל פון ארבייטסלאזיגקייט.

צו דער שטיצע זענען בערעכטיגט ארבייטס־לאזע וואס וואוינען אין לאדז ווייניגסטענס זייט'ן 1 יאנואר 1930 י. אויב זיי האלטען אויס א פא־מיליע, האבען נישט קיין פערמעגען און בעקומען נישט קיין גלייכע אדער גרעסערע שטיצע: בע־קומען נישט קיין שטיצע פון קראנקען־קאסע און בעקומען נישט קיין אינוואלידען־שטיצע אדער רענטע.

אויב אימיץ אין דער פאמיליע פונ'ם אר־בייטסלאזען איז בעשעפטיגט אדער האט גלייכע אדער גרעסערע הכנסות קען דער ארבייטסלאזער קיין שטיצע נישט בעקומען.

היינט, דאנערשטאג — M, N, O

פרייטאג, ד. 16. יאנואר P, R, S

שבת, ד. 17. יאנואר T, U, W, Z, Ż

מאנטאג, ד. 19. יאנואר G, H, I, J

דינסטאג, ד. 20. יאנואר A, B, C, D, E, F

די רעגיסטראציע קומט פאר אין אונטערשטי־צונגס־אמט אויף דער גאס פון 28, קאניאווער שיסער־פולק נומער 32 פון 9 פריה ביז 2 מיטאג.

זאל פילהארמאניע, נארוטאוויטש 20

זונטאג, דעם 18־טען יאנואר, 8,30 אווענד קומט פאר דער דריטער

גרויסער פאלקס־קאנצערט פון

חיה'לע גראבער

געוו. שוישפילערין פון „הבימה"

איז ליד און דראמע

פאלקס־בילדער .·. קינדער מעשה'לעך

גאסען לידער .·. חסידי'שע נגונים

בילעטען צו פאפולערע פרייזען פון 75 גר. ביז 3.50 שוין צו בעקומען אין דער קאסע פון פילהארמאניע

Dr. Z. Rakowski

ספ. פאר אוירען־, נאז־, האלז־ און לונגען־קראנקה

9 קאנסטאנטינער 9, טעלעפאן 127-81.

שפרעכשטונדען פון 12—2 און פון 5—7. נעמט אויך אן אין לאזאנזשאנער 17 פון 10—11 און פון 2—5.

פאַר וואָס מעז דאַרף קויפען ארץ-ישראל פּראָדוקטען
פּרעסע-קאָנפערענץ מיט'ן דר. קלומעל

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַקציע צו פערשפּרייטען דעם לאָזונג „תוצרת הארץ לגאולה“, האָט די געזעלשאַפט למען א״י דינסטאָג אָוונד, אויסנוצענדיג די אַנוועזענהייט פון ד״ר קלומעל אין לאָדז איינגעאָרדענט אַ פּרעסע־קאָנפערענץ, אין וועלכער ס'האָבען מצד „למען א״י“ זיך בעטייליגט ד״ר קלומעל, ה. זיידע, צאַלעל, אינזש. זשעלינסקי, ליכטענשטיין א. אַנד.

עפענענדיג די קאָנפערענץ האָט ה' זיידע בעקענט די פערזאַמעלטע מיט די אויפגאַבען און צילען פון דער געזעלשאַפט אין לאָדז און איהר שוועסטער געזעלשאַפט אין וואַרשא.

דאָס פערשפּרייטען די פּראָדוקציע פון א״י איז נישט קיין ציוניסטישע אַרבייט און פאָדערט נישט קיין ציוניסטען פּאַספּאָרט, נישט ביים פערשפּרייטער און נישט ביים פערברויכער. פאַר'ן פערברויכער איז דעצידירענד דער מאָמענט, וואָס די סחורה איז נישט טייערער, אַמאָל אַפילו ביליגער און איז בעסער אין קוואַליטעט. אָט למשל, האָט אין לאָדז אַ קילאָ כאַלווע פון אַ בעשטימטער פירמע געקאָסט 6 זל. , ווען די כאַלווע פון א״י האָט מען אָנגעהויבען פערקויפען צו 5 זל. אַ קילאָ. איז די פירמע אַראָפּ מיט איהר פּרייז. דער א״י האָניג, וואָס ווערט פערקויפט צו 8 און 8.50 אַ קילאָ, איז אין דער קוואַליטעט נישט ערגער פון דעם, וואָס ווערט פערקויפט צו 17 זל. אַ קילאָ, דער שמן־זית איז אין קוואַליטעט בעסער פון פּראָווינץ־אייל און ביים געברויכען קומט ער אויס ביליגער ווי פלאַנץ־פוטער (בערעס א. אנד.).

דער ברייטער עולם ווייסט אָבער נישט וועגען דעם אַלעם, מ'דאַרף איהם אינפאָרמירען.

אַ זעהר אינטערעסאַנטען רעפעראַט האָט דאַן געהאַלטען ד״ר קלומעל מיט אַ רייה ציפערן, האָט ער בעוויזען די ווירטשאַפטליכע מעגליכקייטען פון דער א״י־ענטוויקלונג. ד״ר קלומעל האַלט, אַז חיפה וועט אין די נאָהענטסטע 10 יאָהר דורכמאַכען אַ געוואַלדיגע ענטוויקלונג אין אַ ריין אַמעריקאַנער טעמפּאָ און דאַן וועט זיך שאַפען אַ מעגליכקייט זיך איינצואָרדענען אויך פאַר די פערמיטלער עלעמענטען. ביז דאַ דאַרף דאָס געוויכט געלעגט ווערען אויף דער לאַנדווירטשאַפטליכער און אינדוסטריע־קאָלאָניזאַציע. די לעצטע אַגב קאָסט פילפאַך ביליגער און אויב ס'וועט געזיכערט ווערען דער אָפּזאַץ פון איהר פּראָדוקציע קען זי וואַקסען שנעל און אונגעהויער. מיט דעם דאַרף זיך אָבער פערנעהמען אַ ספּעציעלער רעסאָרט און פון די געזעלשאַפטען „למען תוצרת הארץ“ קען עס אויסוואַקסען די אָנפיהרונג מיט'ן דאָזיגען רעסאָרט. נאַטירליכע מעגליכקייטען פאַר דער ענטוויקלונג פון דער א״י־פּראָדוקציע זענען פערהאַן געוואַלדיגע מ'דאַרף זיי נאָר פּאָפּולער מאַכען און אויסנוצען.

ד״ר קלומעל דערצעהלט פון זיין פּראַקטיק אַ פאַל, מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט ער אַ קריסטליכען זייף־פאַבריקאַנט צוגערעדט, אַז יענער זאָל נעהמען אַ פעסעל שמן אויף אַ פּרוב. דער פּרוב איז געלונגען און דער פאַבריקאַנט האָט בעשטעלט אַ סכום אייל פאַר זיין פאַבריק. אין סענטימענטען פאַר א״י קען מען איהם נישט חושד זיין, אָבער ער האָט געדאַרפט וויסען וועגען דעם א״י־אייל, אַז ער איז גוט און קאַלקולירט זיך ביליגער, און ווער עס ווייסט דערפון, קויפט ער עס. פאַראַיאָהרען איז געלונגען אַריינצופיהרען קיין פּוילען 4 וואַגאָן א״י־פּאָמעראַנצען, האָט פון זיי 2 וואַגאָן אָפּגעקויפט... פּויזען. מיט'ן קויפען און פערשפּרייטען די א״י־פּראָדוקציע וועט געשטאַרקט ווערען דער ישוב און ס'וועלען געשאַפען ווערען נייע מעגליכקייטען אויף זיך צו בעזעצען אין א״י פאַר צעהנדליגער טויזענדער אַרבייטער, האַנדווערקער און מענשען פון מיטעל־שטאַנד.

נאָכדעם האָט זיך ענטוויקעלט אַ לעבהאַפטער שמועס, אין וועלכען ס'האָבען זיך בעטייליגט אַלע אַנוועזענדע.

דאָס א״י־ווערק ווערט געבויט אויף פערשידענע אופנים און דורך פערשידענע מיטלען. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט אויך איהר „שטייער־סיסטעם“, אַ שטייער, וואָס האָט אפשר נישט קיין גלייכען אין דער מלוכה־ווירטשאַפט פון דער גאַנצער וועלט. דער דאָזיגער שטייער איז אַ פרייוויליגער. „קרן־קימת און קרן־היסוד“ און טראָץ דעם, וואָס די שטייערען זענען פרייוויליגע, ברענגען זיי אַריין פערהעלטנישמעסיג גרויסע סכומים, וואָס שאַפען די מעגליכקייט אויף צו פיהרען אַ קאָלאָניזאַציע און פערנעהם פון אַ מלוכה־אונטערנעהמונג. כדי דאָס צו דערגרייכען איז אַ גרויסער טייל פון דער ציוניסטישער טעטיגקייט געווידמעט געוואָרען דער פּראָפּאַגאַנדע פאַר די דאָזיגע ציוניסטישע קרן'ס און די ציוניסטישע לייטונג האָט אין דער אַרבייט פערזעהען אַ גרויסען און נישט ווייניגער וויכטיגען טעטיגקייטס־געביט. די קרן'ס, וועלכע זענען אייגענטליך אַ מיטעל, כדי צו פערווירקליכען דעם ציל, אָדער אַ טייל פון איהם, זענען אָפּט געוואָרען דער הויפּט־צוועק פון דער עקזעקוטיווער טעטיגקייט און זי האָט אָפּט צוליבן וואַלד, די בוימער נישט געזעהען.

נאָך די לעצטע גזירות פון דער ענגלישער רעגירונג שטעהט איצט א״י פאַר אַ ווירטשאַפטליכען קריזיס, און די יודישע אַגענץ מאַכט איצט שטאַרקע אָנשטרענגונגען אויף צו שאַפען די נויטיגע מאַטעריעלע מיטלען, כדי דעם קריזיס צו פערהיטען.

אָבער אַ רייה ציוניסטישע טוער און סתם יודען וואָס זענען געווען אין א״י נאָך אינ'ם פעריאָד פון דער 4. עליה, זענען אויפמערקזאַם געוואָרען אויף אַ געביט פון טעטיגקייט, וואָס פאָדערט נישט קיין קרבנות און נדבות און וואָס קען, נישט אין קיין קלענערער מאָס ווי די קרן'ס, נוצען ברענגען דעם אויפבוי פון א״י. דאָס איז די פערשפּרייטונג פון די לאַנדווירטשאַפט און אינדוסטריע־אַרטיקלען, וואָס ווערען פּראָדוצירט אין א״י.

דאָס ווירטשאַפטליכע לעבען אין א״י מאַכט אַ דורך גרויסע פאָרשריטען — ס'וואַקסט די פּראָדוקציע פון די לאַנדווירטשאַפטליכע קאָלאָניעס, ס'ענטוויקעלט זיך די אינדוסטריע אין די שטעט. לוידער קומט פאָר דער דאָזיגער פּראָצעס אָהן יעדער מיט־הילף מצד דער א״י־אַדמיניסטראַציע, אָהן שוץ־צאָל, אָהן שטייער־הנחות. אויך די ציוניסטישע לייטונג האָט זיך ווייניג אָפּגעגעבען מיט דער אינדוסטריע און נישט אַרויסגעוויזען קיין בעזונדערען אינטערעס פאַר זייערע נויטען און פערלאַנגען. דער אינדוסטריע פעהלט אַן אָפּזאַץ־מאַרק. דער רוים אין א״י איז אַ קליינער און אויב מיר פלאַנעווען דאָרט צו בעזעצען אַ גרויסע צאָהל יודען, מוז דאָרט, אויפ'ן לאַנד, איינגעפיהרט ווערען אַן'אינטענסיווע ווירטשאַפט. די דאָזיגע ווירטשאַפט קען זיין בעגרעניצט מיט'ן רוים. אָבער די אינדוסטריע, די שטאָט, האָט נישט קיין שום גרעניצען און קען זיך ענטוויקלען ביז אין דער אונענדליכקייט, אויב ס'וועט נאָר פאַר איהר געזיכערט ווערען אַן אָפּזאַץ־מאַרק. שוין ביי די איצטיגע בעדינגונגען קען אַ רייה א״י־פּראָדוקטען קאָנקורירען אין די פּרייזען מיט אַנדערע לענדער, וועלכע פּראָדוצירען די זעלבע סחורות. דער אָפּנעהמער, דער קאָנסומענט ווייסט אָבער נישט דערפון און מ'דאַרף איהם וועגען דעם אויפמערקזאַם מאַכען, אויפקלערען. די 16—18 מיליאָן יודען פון דער גאַנצער וועלט, קענען, אין דער ערשטער רייה, זיין די אָפּנעהמער, די פערברויכער פון אַ מאַסע אַרטיקלען. אַ דאַנק זייער שטעלונג אין דער וועלט, קענען זיי ווערען אויך ד'פערמיטלער אויף דער ווייטערדיגער פערשפּרייטונג.

ביי אַזעלכע בעדינגונגען, וואָלט א״י לייכט געקענט אויפנעהמען נייע צעהנדליגער טויזענדער עמיגראַנטען, וואָס זייער איינאָרדנונג וואָלט געקאָסט מינימאַלע סכומים.

מיט אָט דעם נייעם לאָזונג, וואָס איז אייגענטליך נישט ניי, זענען לעצטענס אַרויסגעטראָטען אַ רייה ציוניסטישע יחידים, אין דער לאָזונג פון דער נייער ציוניסטישער ווירטשאַפטס־פּאָליטיק פונם ציוניסטישען „נעפּ“ האָט געפונען אַן'אָפּקלאַנג, קודם־כל, ביי די, וואָס זענען שוין אין א״י געווען און מיטגעמאַכט דאָס דאָרטיגע לעבען. כמעט איינצייטיג זענען אין וואַרשא און אין לאָדז געשאַפען געוואָרען אָרגאַניזאַציעס „למען תוצרת הארץ“, (לת״ה) אין וואַרשא און „למען א״י“ אין לאָדז.

די אויפגאַבען פון די געזעלשאַפטען איז, צו פערשפּרייטען די אויסאַרבייטונגען פון א״י אויף ריין ווירטשאַפטליכע יסודות. איינער פון די פּרינציפּען פון די געזעלשאַפטען איז נישט צו עקספּלואַטירען פינאַנציעל און ווירטשאַפטליך דעם סענטימענט פון א״י. און זיי קענען זיך עס דערלויבען אַזאַ לוקסוס. ווי מיר האָבען שוין געזאָגט, זענען אַ גאַנצע רייה פּראָדוקטען, וועלכע קומען אין בעטראַכט, אין דער ערשטער רייה אַלס עקספּאָרט־אַרטיקלען, קיין פּוילען ביליגער און בעסער ווי די זעלבע אַרטיקלען, וואָס ווערען אַריינגעפיהרט פון פראַנקרייך, איטאַליען א. אַנד.

פּוילען אימפּאָרטירט יעהרליך פון די מזרח־לענדער סחורות פאַר 8 מיליאָן דאָלאַר. דער גרעסטער טייל פון די דאָזיגע פּראָדוקטען קען אַריינגעפיהרט ווערען פון א״י. דאַרפען מיר דען ספּעציעל אויפקלערען, וואָס פאַר אַ ווירטשאַפטליכע בעדייטונג דאָס וואָלט געהאַט פאַר דער א״י־ענטוויקלונג ?

די געזעלשאַפט „למען א״י“ האָט אויך זיך גענומען די אויפגאַבע צו עראָבערען דעם קאָנסומענט, איהם אויפקלערען. זי האָט דעריבער מיט עטליכע וואָכען צוריק געבראַכט דעם ערשטען פּרוב־טראַנספּאָרט סחורות פון א״י און איהם פערשפּרייט דירעקט צווישען קאָנסומענטען, שפּעטער האָבען אָנגעהויבען אָנקומען פאָרזיכטיגע קליינע בעשטעלונגען פון סוחרים אין אַ רייה אַרטיקלען, ווי כאַלווע, שמן א. אַז. וו. האָבען שוין זייערע שטענדיגע אָפּנעהמער.

די גאַסט־פריינדליכע באַלעבאַסטע פרוי זיידע האָט דעם עולם מכבד געווען מיט „תוצרת הארץ“ און דער פריינדליכער שמועס האָט זיך פערצויגען ביז שפּעט אין דער נאַכט.

75 יאָהריגער יובּילעאום
פון אַ פערדינסטפולען געזעלשאַפטליכען טוער

היינט פייערט זיין 75-יאָהריגען געבורטסטאָג דער פערדינטער לאָדזער געזעלשאַפטליכער טוער לודוויג באַנאַש. לודוויג באַנאַש האָט בעקומען זיין בילדונג אין אויסלאַנד און האָט דאָרט אָנגעהויבען זיין געזעלשאַפטליכע טעטיגקייט. שוין אַלס 19-יאָהריגער יונגערמאַן איז ער אויסגעצייכענט געוואָרען אַלס פאָרזיצענדער פון אַ סוחר'ישען פעראיין אין ברעסלוי, וואו ער האָט געגרינדעט גימנאַזיום און בעקומען ספּעציעלע מאַטעמאַטישע בילדונג ביים בערימטען וועלט־שאַך־מייסטער פּראָפ. אַנדערסאָן.

אין לאָדז איז ה' באַנאַש געווען איינער פון די מיטגרינדער און וויצע־פּרעזעס פון האַנדעלס־אָנגעשטעלטען־פעראיין (קאָשטשושקאָ 21), שפּעטער האָט ער געגרינדעט דעם סוחרים־און פאַבריקאַנטען־פעראיין און איז די גאַנצע צייט פון דער אָקופּאַציע דאָרט געווען פּרעזעס.

דער דאָזיגער פעראיין, וואָס האָט זיך שפּעטער פערוואַנדעלט אינ'ם איצטיגען לאַנדעס פערבאַנד פון דער טעקסטיל אינדוסטריע האָט איהם אַלס אָנערקענונג פון זיינע פערדינסטען, אויסגעוועהלט אַלס עהרען מיטגליד.

ה' באַנאַש איז אויך געווען מיטגרינדער פון היגען שאַך קלוב. ער איז אויך זייט אַ רייה יאָהרען טעטיג אין דעם היגען פרויען־שוץ־פעראיין, וואו ער פערנעמט דעם בכבודיגען אַמט פון וויצע־פּרעזעס. ה' באַנאַש איז אויך איינער פון די גרינדער און נאָהנטסטע מיטאַרבייטער פון היגען רעטונגס־קאָמיטעט.

ה' באַנאַש איז טעטיג אַלס מיטגליד פון רעוויזיאָנס־קאָמיסיעס אין עטליכע אַקציען־געזעלשאַפטען. ער פערנעמט אויך די עהרען־אַמטען אין די רעוויזיאָנס־קאָמיסיעס ביי דער יודישער קהלה, „סאָז“ און יתומים־הויז (פּולנאָצנאַ 38). דער יובּילאַר האָט בעקומען פיל וואונשען פון פּריוואַטע פּערזאָנען און געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס.

אויך מיר ווינשען איהם געזונט און נאָך לאַנגע יאָהרען פון נוצליכער טעטיגקייט.

אַ יאָהר טעטיגקייט פון „בקור חולים“ און „אוזדראָוויסקאַ“

די לאָדזער געזעלשאַפט בקור חולים ענטוויקעלט לעצטענס אַן'אינטענסיווע טעטיגקייט, די יודישע בעפעלקערונג אין אונזער שטאָט האָט אָפּגעשאַצט די 50 יאָהריגע טעטיגקייט פון דער נוצליכער געזעלשאַפט, וועלכע פיהרט אַ ברייטע און פערצווייגטע פילאַנטראָפּישע געזעלשאַפטליכע אַרבייט, אין די שווערסטע צייטען פון איהר עקזיסטענץ האָט בקור חולים נישט אָפּגעשטעלט איהרע לייסטונגען פאַר די אָרימע יודען פון אונזער שטאָט און האָט זיי געשטיצט מיט מעדיצינישע הילף, עצות און מעדיצינען.

זייט 1909 י. עקזיסטירט ביי דער געזעלשאַפט אַ בעזונדערע אינסטיטוציע „אוזדראָוויסקאַ“, וואָס האָט זיך קונה שם געווען ביי די יודען אין לאָדז מיט איהר נוצליכקייט. אַ פּאָר ציפערען וועלען אילוסטרירען די גרויסע און נוצליכע טעטיגקייט פון „בקור חולים“, אין דעם הויפּט פּאַוויליאָן פון „אוזדראָוויסקאַ“ אין קאַלי האָבען בעקומען אויפגעשטעלט זייערע כוחות טויזענטער יודען בעמט אַריין 100 בעטלעך און צוזאַמען מיט די קלענערע פּאַוויליאָנען — ביז 200, איצט ווערט ביי „אוזדראָוויסקאַ“ געבויט אַ באָד־אַנשטאַלט מיט הידראָפּאַטישע איינאָרדנונגען. די אַנשטאַלט וועט פערפולקאָמען דאָס סאַנאַטאָריום און וועט אויך זיין צוטריטליך פאַר די אָרימסטע פון דער אומגעגענד.

אינ'ם לעצטען יאָהר האָט די געזעלשאַפט אַרויסגעגעבען 6000 מעדיצינען, 20 מעדיצינישע אַנאַליזען, 12 רעצעפּטורע־פּאַסען, 30 עלעקטרישע בעדער, 50 קוואַרץ־בעלייכטונגען, 30 עלעקטריזאַציעס אז״וו

קראַנקע האָבען אויך בעקומען שפּייז, אַזוי איז אַרויסגעגעבען געוואָרען 3000 ליטער מילך, 250 קילאָ מאַנע־קאַשע, 300 קילאָ רייז, 150 קילאָ צוקער, 150 קילאָ מצה, 600 אייער, 10 קילאָ טיי, 20 קערץ קאַרטאָפעל, 30 קערץ קויהלען, 25 פלעשלעך וויין א. א. וו.

אין פערלויף פונ'ם יאָהר זענען אַרויסגעשיקט געוואָרען אין סאַנאַטאָריום אין קאַלי („אוזדראָוויסקאַ“) ביז 600 קראַנקע מענער און פרויען, אין דורכשניט האָבען די קראַנקע צוגענומען פון 3 ביז 8 קילאָ, דער יעהרליכער בילאַנס שליסט זיך מיט אַ סומע פון 200,000 זל.

זייט 2 יאָהר ווען דער אַלגעמיינער קריזיס בעהערשט לאָדז האָט אויך „בקור חולים“ איהם אָנגעהויבען צו פיהלען. דאָס שטערט אין אַ שטאַרקער מאָס דער ענטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט און אַ רייה פּלענער קענען נישט פערווירקליכט ווערען. די טעטיגקייט פון אַזאַ נוצליכער געזעלשאַפט טאָר אָבער נישט געהאַמעוועט ווערען און די געזעלשאַפט האָט בעשלאָסען אַפּעלירען צו די ברייטסטע קרייזען פון דער יודישער בעפעלקערונג אין לאָדז אַז זיי זאָלען נישט דערלאָזען דאָס די וויכטיגע אינסטיטוציע זאָל מוזען פערשמעלערען איהר טעטיגקייט.

מיר גלויבען אַז די ווענדונג וועט געפינען אַנ'אָפּקלאַנג, און די נויטיגע אינסטיטוציע פון אַזאַ פּערנעהם, וועט קענען ווייטער פיהרען איהר טעטיגקייט לטובת דער נויטליידענדער בעפעלקערונג ביי אונז אין שטאָט. ...ס.

קופּאָן
אויף אַ יורידישער עצה

גילטיג דאָנערשטאָג, דעם 15-טען יאַנואַר

אַ בעקאַנטער יוריסט
ערטיילט יורידישע עצות
פון 3 ביז 4 אַ זייגער נאָכמיטאָג אין רעדאַקציע פון אונזער צייטונג, פּיעטריקאָווער 21.
אינטערעסאַנטען דאַרפען מיטברענגען דעם קופּאָן פון „נייעם פאָלקסבלאַט“
— פון דעם זעלבען טאָג. —

באַל אין „אַזאָ“
לטובת „לינת הצדק“

היינטיגען שבת אָרדענט איין „לינת הצדק“ אַ באַל אין די זאַלען פון „אַזאָ“ נאַרוטאָוויטש 0 .

דער גרויסער נוצען וואָס די נאַכט־פּאָגאָטאָוויע ברענגט דער בעפעלקערונג אין אונזער שטאָט און די סימפּאַטיע פון דער בעפעלקערונג צו לינת־הצדק פון דער צווייטער זייט, גיט די זיכערקייט, אַז דער באַל אין „אַזאָ“ וועט אדורך מיט דעם גרעסטען ערפאָלג און געבען דער מעגליכקייט דער סימפּאַטישער אינסטיטוציע אויפצוהאַלטען און צו ענטוויקלען די גאַנצע איהרע אַרבייט און בעזונדערס די נאַכט־פּאָגאָטאָוויע, אַ חוץ דעם וועט דער עולם האָבען די מעגליכקייט שבת־צו־נאַכט צו פערגעסען אין גאַנצען קריזיס און זיך צו ווייילען אַ גאַנצע נאַכט.

חיה'לע גראָבער
גיט אַ גרויסען פאָלקס־קאָנצערט

נאָך די צוויי אונגעהויערע ערפאָלגען פון די קאָנצערטען פון חיה'לע גראָבער אין אונזער שטאָט, גיט די אָריגינעלע און וואונדערבאַרע קינסטלערין נאָך איין פאָלקס־קאָנצערט. דער דאָזיגער קאָנצערט איז צו פּאָפּולערע פּרייזען, כדי צו געבען די מעגליכקייט די ברייטסטע שיכטען פון דער לאָדזער בעפעלקערונג צו בעוואונדערען די שענע קונסט פון חיה'לע גראָבער.

„אררט“

נעכטען האָט „אררט“ מיט אַן'אונגעהויערען ערפאָלג געשפּילט אין פּאַביאַניץ.

היינט ווערט געגעבען 1 פאָרשטעלונג צו פּאָפּולערע פּרייזען פון הערליכען, פרעהליכען פּראָגראַם „ווער מיר גוטס גינט“.

ראַדיאָ־פּראָגראַם
דאָנערשטאָג, ד. 15 יאַנואַר 1931

11.58 צייט סיגנאַל, 12,10 גראַמאָפאָן־פּליטען, 12,25 שול־קאָנצערט אין וואַרשעווער פילהאַרמאָניע, 15,35 קאָמוניקאַט פון ל. א. פּ. פּ., 15,50 פאָרלעזונג, 16,15 גראַמאָפאָן פּליטען, 17,00 קינדער־פּראָגראַם טראַנסמיסיע פון ווילנע, 17,15 פאָרלעזונג פון ווילנע, 18,45 פערשידענעס, 19,10 קאָמוניקאַט פון דער לאָדזער האַנדעלס־קאַמער, פּראָגראַם אויף מאָרגען, 19,25 גראַמאָפאָן־פּליטען, 19,40 ראַדיאָ־זשורנאַל, 19,55 גראַמאָפאָן־פּליטען, 20,00 ראַדיאָ טעכנישער שמועס, 20,15 טראַנסמיסיע פון ווילנע (אָודיציע), 22,15 קאָנצערט פון וואַרשא, 22,35 קאָמוניקאַט, טאַנץ־מוזיק.

יוד. אַרטיסטען־פאַריין אין פּוילען
דירעקטאָריאַט
פון די פאַראייניגטע־טעאַטערן

לאָדזער יוד. קאַמער־טעאַטער
ביילער אין ווייסען זאַל
מאָנטייפעל זאַכאָדניאַ 43
„אררט“
קינסטל. לייטער: משה בראָדערזאָן.

היינט, דאָנערשטאָג, דעם 15 יאַנואַר
1 פאָרשטעלונג
אָנהויב 9.15 אַ זייגער אין אָוונט.

ווער מיר גוטס גינט

פּראָגראַם: 1) פּראָלאָג, 2) זמירות, 3) די שמאַטע, 4) זיבען זאַכען, 5) קישקעלעך גרויזות, 6) יודען זינגען, 7) די וואַרשעווער אורה, 8) אין אַ שוך־געשעפט. 9) אַ חתונה, 10) רעוויזען־ליה, 11) נישט גוט, 12) אונזער מענאַזשעריע, 13) קאַראַ־גראַנדע, 14) אין זעקסאַנטע.

אַנסאַמבל לויט'ן א. ב. פּראָפען: זיסעל־גירל, מ. דזאַלסקאַ, לאָלאַ זילבערמאַן, שיינע מרים, מאָשע פּעטערמאַן, אַלאַ שליפּקאָוויטש. מענער: מ. אַלטמאַן, ש. גאָלדשטיין, ש. דזשיגאַן, מ. קאַן, י. ריינגלאַס, י. שומאַכער, י. שיפער.

טעקסטען: י. ל. פּרץ, מ. בראָדערזאָן, דער טונקעלער, אַ. קאַצענעלסאָן.

מוזיק: ה. רובין, א. בייגעלמאַן און פאָלקס־מעלאָדיען. רעקוויזיטען און קאָסטיומען: י. ברויער, טענץ איינגעשטעלט דורך אירענע פּרושיצקאַ. מוזיק־לייטער — ה. רובין, רעזשי — דזשיגאַן שומאַכער. בינע־אינספּעקטאָר — מ. קאַן, ליכט־עפעקטען — יעראָ.

בילעטען צו בעקומען אין קאַסע פון 11 — 2 ביי טאָג און פון 5 אָוונט. שבת און יום־טובים אַ גאַנצען טאָג.

די שטראף, וואס דראהט פאר נישט אויסקויפען פאטענטען

אין הסכם מיט דעם געזעץ פון אומזאץ־שטייער, האט זיך אנגעהויבען אין גאנץ פוילען די לוסטראציע פון אלע האנדעלס געשעפטען און אונטערנעמונגען בנוגע די אויסגעקויפטע פאטענטען.

מיר מוזען בעמערקען, אז די דאזיגע קאנטראל איז אנגעגעבען אין דעם דערמאהנטען געזעץ, אין די ארטיקלען 40 ביז 51.

די לוסטרירענדע בעאמטע האבען דעם חוב נישט נור צו קאנטראלירען, צי מען האט אויסגעקויפט א ריכטיגען פאטענט אדער א פאטענט בכלל, נ. ר. בעשעפטיגען זיך אויך מיט דעם נעגויעם בעשרייבען פון דעם גאנצען געשעפט און פון דער אונטערנעהמונג, כדי צוצוגרייטען די אויסמעסטונג פון א מזאץ־שטייער פון פערגאנגענעם יאהר.

אזוי ווערען קאנטראלירט די צאהל פון די ארבייטער און אנגעשטעלטע, די גרויסקייט פון געשעפט, די הויך פון דירה־געלד א. אז. וו. די לוסטראציע ווערט דורכגעפיהרט פון בעאמטע, וועלכע מוזען ביי זיך האבען די נויטיגע לעגיטימאציעס. די בעאמטע האבען דאס רעכט דורכצוקוקען ביכער און אלע נאטיצען, וואס קענען מאסגעביג זיין פאר דער הויך פון אומזאץ.

עס איז נישטא קיין דין, וועלכער זאל פערווערען א בעאמטען אריינצוגעהען אין אלע לאקאלען און אלע מאגאזינען. זיי קאנטראלירען אויב א יעדער געשעפט האט א שילד און קענען פערלאנגען א אינטערווענץ מצד די פאליציי, אויב מען שטערט זיי אין זייער ארבייט.

אויב עס איז פערהאן א חשד, אז עס ווערט ערגיץ געפיהרט א געשעפט אהן א שילד און אהן א פאטענט, האבען די בעאמטע דאס רעכט דארט צו קאנטראלירען.

אלע אמטען, ספעציעל פאסט־אמטען און צאל־אמטען, ווי אויך אלע הויז־געשעפטען און פאבריקען, האבען דעם חוב איבערצוגעבען די דעלעגאטען פון די שטייער־אמטען די ידיעות, וואס ווייזען אויס, וויפיל און ווער עס האט ביי זיי איינגעקויפט אדער דורך זיי בעצויגען סחורות.

די לוסטראציע ווערט דורכגעפיהרט אין די האנדעלס־שעה'ן און דארף נישט שטערען דעם נארמאלען געשעפט בעטריב. אויב דער אייגענטימער אדער זיין פערטרעטער זענען נישט אנוועזענד ווערט גענומען אנ'עדות.

וועגען דער לוסטראציע ווערט געמאכט א פראטאקאל, אויב מען האט געפינען, וועלכע אומריכטיגקייטען, מען לעגט דעם דאזיגען פראטאקאל פאר דעם שטייער־צאהלער, וועלכער האט דאס רעכט — אדער תיכף, אדער אין משך פון 8 טעג — אנצוגעבען זיינע ערקלערונגען.

ביי סוחרים, וועלכע פיהרען זייער מסחר נישט אויף א פעסטען פלאץ ווי למשל: רייזענדע, וועלכע קענען זיך מיט קיין פאטענטען נישט אויסווייזען, קענען די בעאמטע פערלאנגען א קויטיי אין געלד אדער אין סחורות אין דער הויך פון דעם דאזיגען פאטענט. אויב דער פאטענט ווערט נישט אין משך פון דרייסיג טעג אויסגעקויפט ווערט די סחו"ה פערקויפט.

ווער עס שטערט די בעאמטע ביי דער לוסטראציע ווערט פער'משפט אויף א שטראף ביז 3 חדשים תפיסה, אדער א געלד־שטראף ביז צו 1000 זל. ווער עס ווייזט נישט פאר די בעאמטע ביי דער לוסטראציע די ביכער אדער די נאטיצען, ווערט בעשטראפט מיט א סכום פון 50 ביז 500 זלאטעס.

אויב עמיצער האט נישט אויסגעקויפט קיין פאטענט און פיהרט א מסחר, ווערט בעשטראפט מיט א סכום פון 3 ביז 20 מאל, וואס דער פאטענט האט בעדארפט אפקאסטען.

חוץ דעם מוז דער דאזיגער פאטענט אויסגעקויפט ווערען.

אויב עמיצער האט נישט אויסגעקויפט דעם ריכטיגען פאטענט, ווערט ער בעשטראפט מיט א דרייפאכען סכום וויפיל דער ריכטיגער פאטענט דארף קאסטען.

ווער עס הענגט נישט אויף דעם פאטענט אויף א אנזעהעוודיגען ארט אדער ער ווייזט איהם נישט ביי דער קאנטראל, דער ווערט בעשטראפט מיט דעם סכום פון 5 ביז 100 זל.

אויב עמיצער האט בכלל נישט אויסגעקויפט קיין פאטענט, קאן מען איהם דאס געשעפט שליסען אויב ער וועט נישט אויסקויפען דעם בעשטימטען פאטענט אין משך פון 41 טעג. געגען די אלע שטראפען קען מען מאכען רעקורסען אין געריכט אריין, אדער אין דער „איזבא סקא באווא".

מיר מוזען בעטאנען, אז די איצט פארקומענדיגע ליסטראציע האט א גאר וויכטיגע בעדייטונג פאר די צאהלער פון אומזאץ־שטייער, יוע־מענס אויסמעסטונג מען הויבט טוין אן צו צוגרייטען. די אינטערעסירטע שטייער־צאהלער האבען דעם חוב — ביי דער קאנטראל — גענוי פארצושטעלען זייער סיטואציע פאר די קאנטראלירענדיגע בעאמטע.

ד"ר ח. באלקען.

DZIŚ W RADJO Godz. 21.15 J. SŁOWACKI „Balladyna"

נקמה פון א קאץ

אין דערפעל טלעקעוויטשע האט פאסירט אנ'אויסערגעוועהנליכע געשיכטע:

ביים דארטיגען איינוואוינער מילאוודאוויטש, האט א קאץ געבוירען 3 קעצעלעך.

א געוויסען טאג האט מ—ט 2־יאהריגער יונגעלע אריינגעווארפען א קעצעלע אין ברענעדיגען אויווען. דעם שרעקליכען פאל האט צוגעזעהען די מאמע־קאץ, וועלכע האט נישט קענענדיג ראטעווען איהר קינד, שרעקליך געמיאוקעט.

אויף מארגען האט שוין די קאץ בעהאלטען איהרע פערבליבענע 2 קעצעלעך הינטערן שטוב. אבער דערמיט האט זיך עס נישט פערענדיגט:

אינמיטען נאכט, איז די קאץ ארויסגעשפרונגען אויפ'ן בעטעל, וואו ס'איז געשלאפען דער קליינער „רוצח" און האט איהם מיט די נעגעל דערשטיקט.

דער דאזיגער פאל האט געמאכט א רושם אין דער גאנצער גמינע.

פייערליכער יובילעי = באנקעט לכבוד רעד. לאזאר קאהאן אין ווארשא

פרייטאג אין אווענד איז אין ווארשא אין באר „צענטראל" פארגעקומען דער באנקעט לכבוד דעם 25־יעהריגען יובילעי פון רעד. לאזאר קאהאן. עס האט זיך צוזאמענגעקליבען אנ'עולם פון איבער 100 פערזאן, פארשטעהער פון דער ליטעראַרישער, זשורנאליסטישער און ארטיסטישער וועלט.

געעפענט דעם באנקעט האט מיט א לענגערער רעדע אלחנן צייטלין.

אלס פארזיצער פונ'ם באנקעט ווערט איינגעלאדען אדוו. נח פרילוצקי. נאכדעם האבען זיך אנגעהויבען — צווישען איין געריכט און דעם צווייטען — די בעגריסונגען. דער ערשטער בעגריסט ל. דרייקורס. דערנאך האלט א שעהנע בעגריסונגס־רעדע מארק ארנשטיין, עס האלטען דערנאך בעגריסונגס־רעדעס: ארטיסט זשאק לעווי, ש. הירשהארן, ש. וואגמאן, נחמן מייזיל, געוו. דעפ. ח. ראסנער, וורובעל, ארטיסט יאנאס טורקאוו, ד"ר. א. [illegible], רעוש. י. נאזשיק, מ. יובילער, מ. נאדעלמאן, ב. קארליניוס (אין נאמען פון פעראיין פון יודיש. ליטעראטען און זשורנאליסטען אין ווארשא). אהרן צייטלין און ז. סעגאלאוויטש, דער טונסעלער, קונסט־מאלער פ. פרידמאן, נח פרילוצקי, לעא פינקעלשטיין, לידיא פאטאצקא און אנדערע.

דער יובילאר אליין רעד. לאזאר קאהאן האלט א ריהרענדע דאנק־רעדע, וואס מאכט א טיפען רושם אויף אלע אנוועזענדע.

ה' קאהאן דערצעהלט וועגען די ערשטע טריט, וואס ער האט געמאכט אין דער יודישער פרעסע און אין דער יודישער געזעלשאפטליכער ארבייט. פיל, פיל האט ער צו פערדאנקען נח פרילוצקין, וועלכער האט איהם דער ערשטער געגעבען א מעגליכקייט צו ארבייטען אין יודישען צייטונגס־וועזען („דער וועג"). דער יובילאר דאנקט פון טיפען הארצען די אלע, וואס האבען איהם בעעהרט מיט זייער בעזוך, ווי אויך די אלע פריינד זיינע, וואס האבען איהם בריפליך און טעלעגראפיש בעגריסט צו זיין יום־טוב.

ביי א געהויבענער שטימונג ווערט דער אימפאזאנטער באנקעט, פארטאג־צו, געשלאסען.

ער מאכט זיך פאר געשטארבען

כדי אפצונעמען 2 טויזענט דאלאר אסעקוראציע

די טעג איז ארעסטירט געווארען דער איינוואוינער פון דארף גודאנצע, וויצענטי דורקאווסקי, וועלכער האט אויסגעפיהרט אנ'אויסערגעוועהנליך־אריגינעלע אפערע.

אין יאהר 1913 איז דורקאווסקי ארויסגעפאהרען קיין אמעריקא, וואו ער איז אפגעוועהן 17 יאהר. צונויפשלאגענדיג א קאפיטאל פון עטליכע טויזענד דאלאר, איז דורקאווסקי נישט לאנג ארפגעקומען אין זיין היימישען דערפעל.

אין אמעריקא האט דורקאווסקי בשעתו געמאכט א לעבען־פערזיכערונג אויף 2 טויזענד דאלאר און האט שוין אפילו אויסגעצאהלט א העלפט פון דער פרעמיע. איצט איז איהם איינגעפאלען א געניאלער פלאן אפצונעהמען די גאנצע פרעמיע נאך ביי זיין לעבען.

ער האט אין ווילנע געקויפט א בלאנק פון א טויט־מעטריקע, אויסגעפילט אויף זיין נאמען, געפעלשט שטעמפלען און אונטערשריפטען און אפגעשיקט קיין אמעריקא.

די אמעריקאנער געזעלשאפט האט גלייך איבערגעשיקט דעם פוילישען קאנסולאט די 2000 דאלאר מיט א בקשה אפצוגעבען דער אלמנה.

ביים דערלעדיגען די פארמאליטעטען האט זיך אבער ארויסגעוויזען צו אלעמענס איבערראשונג, אז דורקאווסקי לעבט און איז פריש און געזונד.

דער „געניאלער" שווינדלער איז איינגעזעצט געווארען אין תפיסה.

דייטשלאנד איז די לאבאראטאריע פון דער וועלט

עמיל לודוויג דערצעהלט וועגען דייטשלאנד'ס גרויסע אויפטואונגען זינט נאך דער מלחמה

אין 1871, ווען פראנקרייך האט פערלוירען איהר מלחמה מיט דייטשלאנד, און זי איז געלעגען א צושמעטערטע, און דייטשלאנד איז נאכדעם אויפגעוואקסען א מעכטיגע מלוכה, האט אין פאריז, אין א לאבאראטאריע, שטיל און ענערגיש געארבייט א מענש און געזוכט די מיקראבען וואס פערורזאכען קראנקהייטען. דער דאזיגער מאן האט געהייסען פאסטעיר. די מלחמה איז פערלוירען געגאנגען, אבער די וויסענשאפט האט געוואונען. און דער מאן, וואס האט דאן אויפגעהויבען די הויך דעם פרעסטיזש פון פראנקרייך, איז איצט בעוואוסט אין דער גאנצער וועלט. דורך זיינע פארשונגען האט מען געראטעוועט די לעבענס פון מיליאנען מענשען.

אומגעפעהר דאסזעלבע איז פארגעקומען נאך דער לעצטער גרויסער וועלט־מלחמה. אין 1919 ווען דייטשלאנד האט פערלוירען דעם קריג האט דאס פאלק זיך א נעהם־געטון צו ארבייטען טיכטיג און פערשידענע געביטען, מעהר נוצליכע ווי פיהרען קריג, און דייטשלאנד האט פאר די לעצטע צעהן יאהר פאספעיעט אויפצוטון זאכען, וואס איבערשטייגען די אויפטואונגען פון אנדערע [illegible] פונקט ווי פאסטעיר האט מיט זיין נאמען בעשיינט פראנקרייך נאך איהר דעמאלסדיגער מפלה, אזוי איז אויך איצט אויפגעשטאנען א מאן, וועמעס נאמען בעשיינט דייטשלאנד און לויכט איבער דער גאנצער וועלט, דאס איז אלבערט איינשטיין.

פאר די לעצטע צעהן—צוועלף יאהר זינט נאך דער מלחמה, האט מען אין דייטשלאנד געמאכט א מאסע ענטדעקונגען אין כעמיע, אין מעדיצין, און אויף אנדערע געביטען, וואס ברענגען דער וועלט אומגעהויערע נוצען, בלויז וועגען איין ענטדעקונג „דושערמאנין", (א מיטעל געגען דער שלאפפרדיגער קראנקהייט) האט אנ'ענגלישער געלעהרטער געזאגט, אז דאס איז מעהר ווערט פאר די ציוויליזאציע לענדער ווי דער גאנצער שאדען־ערזאץ וואס מען האט געמאהנט ביי דייטשלאנד.

דייטשלאנד האט געמאכט גרויסע ענטדעקונגען אויך אויף אנדערע געביטען, אזוינע וואס האבען א גרויסען קאמערציעלען ווערט. איינע פון די וויכטיגסטע איז, דאס, וואס זיי האבען צוזאמען מיט די פראנצויזען אויסגעפונען א מיטעל צו פערוואנדלען קויהל אין א פליסיגקייט — ארויסציהען פון דעם אנ'אויל, מען ארבייט אויך אויף דעם, ווי אזוי צו מאכען קויהל פונ'ם שטאף סעלאלאיד.

אבער די גרעסטע דייטשלאנדס אויפטואונגען זענען די מעכאנישע, ווי, צום ביישפיל, פלעטנער'ס רודער אויף צו קירעווען שיפען, די אויסבעסערונג אין דראטלאזען טעלעגראף, און הויפטזעכליך, זייערע לופט־שיפען און עראפלאנען. די מערקווירדיגע רייזע פון דאקטאר הוגא עקנער און זיין צעפעלין פון אייראפא קיין אמעריקא איז גוט בעקאנט די לעזער, איצט האט מען אין דייטשלאנד אויסגעפערטיגט אנ'עראפלאן („דארניער" הייסט ער), וואס וועט פיהרען איבער הונדערט פאסאזשירען און וועט מאכען זיינע רייזעס איבער'ן אטלאנטיק.

דייטשלאנד האט שטענדיג זיך אויסגעצייכענט מיט איהרע גרויסע קעפ און אויפטואר, אבער קיינמאל איז נישט אויפגעטון געווארען אזוי פיל ווי אין לעצטען צעהנדליג יאהר נאך דער מלחמה.

עמיל לודוויג ערקלערט עס מיט דעם, וואס מען האט אפגעשאפט די ארמעע אין דייטשלאנד, און די גאנצע ענערגיע און אמביציעס וואס זענען פערשוועגדעט געווארען אויף מיליטערישע צוועקען ווערען איצט פערברויכט אויף פרידליכע בעשעפטיגונגען און וויסענשאפטליכער אויספארשונגס ארבייט. עס מערקט זיך אויך, אז די דייטשע פעהיגקייטען וועלכע פלעגען זיך אימער ארויסווייזען אין טעארעטישע ענינים, ווערען איצט אנגעווענדעט אויף פראקטישע זאכען.

יודיש טעאטער אין פילהארמאניע, נארוטאוויטשא 20
אונטער דער ליטונג פון א. בעזמאן.

באר 1 פארשטעלונג! פרייטאג, דעם 16־טען, 9 א זייגער אווענד
פרעמיערע! צום ערשטען מאל אין לאדז! פרעמיערע!
סענסאציאנעל! לעצטער אמעריקאנער שלאגער שפאנענד!
וועלכער איז געשפילט געווארען אין די אמעריקאנער טעאטערן מיט א ריזען־ערפאלג
מיט'ן ארטיסט יעקב זילבערט אין דער הויפט־ראל
בראדיאגא
אין 3 אקטען מיט געזאנג און טענץ פון י. מארקאוויטש.
ראל „פאריס"—ה. באלבירסקי.
צום שלוס: א גרויסע קאנצערט־אפטיילונג
דער בעליבטער הומאריסט הערשל יעדוואב אין זיין אקטועלן ליבלינג פון לאדזער פובל. רעפערטואר
ה. באלבירסקי – פאלקס־לידער / די בעליבטע סוברעטין יוליא פלאום – לידער
קלמן גוטמאן – דעקלאמאציעס / סעם גאלדבערג – קופלעטען.
ס'נעהמט אנטייל פרויען: י. פלאום, ס. בעזמאן, ח. פאדערמאן, ר. ראזענצווייג.
מענער: ה. באלבירסקי, ח. פאלאסקי, ה. יעדוואב, ב. גוטמאן, ס. גאלדבערג.
ארקעסטער אונטער דער ליטונג פון ל. זעלמאן. סופלער — וו. נייהויז.
טעכנישער לייטער—ק. גוטמאן. בילעטען צו בעקומען אין קאסע פון פילהארמאניע.

היינט און פאלג. טעג!
מיט א זיגרייכען ערפאלג איבער אלע הויפט־שטעט פון דער וועלט, האט געוואונען די הערצער און די נערווען פון די ציטשויער דער אונפערגלייכליכער קעניג פון די זינגערס
Maurice CHEVALIER
וועלכער פער'כשופט די צוהערער מיט זיין פראכטפולער שטימע און לידער אין פילם א. נ.:
„ליבעס = פאראדע"
די ראלע פון דער דעספאטישער קעניגין פירט אויס די הערליכע און ענטציקענדע
JANETE MAC DONALD
דער פילם איז א ליבעס־ליד פון שענסטען ליבעס־פארל
אנהויב אין געוועהנליכע טעג 4 אכמיטאג שבת, זונטאג און יום־טוב 12 א זייגער בייטאג
פאפולערע פרייזען.

צי וועט ארץ ישראל אויסמיידען אַנ׳עקאָנאָמישען קריזיס?

(קאָרעספּאָנדענץ פון א״י)

נישט נאָר מיר יודען, נאָר אויך אַנדערע, און הויפּטזעכליך ענגלענדער, הן די, וועלכע לעבען אין לאַנד, און הן די, וועלכע בעריי׳זען ארץ־ישראל, קענען נישט גלויבען, אַז די געשעהענישען פון די לעצטע חדשים אָנהויבענדיג מיט די בלוטיגע אָנ־פאַלען פון 23 אויגוסט 1929, דער אַראַבישער באָיקאָט, דער פּאָליטישער פּאָגראָם פון די ענג־לענדער ביז׳ן לעצטען ווייסען בוך, האָבען נישט איינגעבראַכען דעם עקאָנאָמישען מצב פון יונגען יודישען ישוב, מיט רעכט ווייזט מען אָן אויף אַנ־דערע לענדער שטאַרקערע, גרעסערע, וועלכע האָ־בען נישט געקאָנט ביישטעהן פיל קלענערע נסיו־נות, און זענען עקאָנאָמיש איינגעבראָכען. וואָס איז דער מעהר מיט ארץ־ישראל.? און ווירקליך האָבען די געשעהענישען נישט אַרויסגערופען קיין פּאַ־ניק אין לאַנד, נישט נאָר די בלוטיגע אָנפאַלען זענען העפטיג אָפּגעשטויסען געוואָרען, נאָר אויך די פּרובען אַרויסצורופען אַנ׳עקאָנאָמישען קריזיס דורך דעם באָיקאָט אויף יודישע סחורות און אויסאַר־בייטונג זענען מיאוס דורכגעפאַלען און געבראַכט נאָר שאָדען די אַראַבער, די יונגע יודישע אינדו־סטריע, וועלכע האָט זיך אין די ערשטע וואָכען פון די געשעהענישען ווי איינגעשרומפען, פּערקלע־נערט די פּראָדוקציע, האָט זיך אָבער צוריק פער־פעסטיגט. די מערק אין די אַרומיגע שכנותדיגע לענ־דער האָבען זיך צוריק געעפענט, ווייל די יודישע אויסאַרבייטונג אין טעקסטיל א. אַ. האָט איהרע בעזונדערע ספּעציפישע מעלות איבערהויפּט פאַר׳ן אָריענט. נאָך די געשעהענישען האָט זיך אויך קאָלאָסאַל פערשטאַרקט די בוי־טעטיגקייט, הויפּט־זעכליך אין ירושלים, און חיפה, און דער לעצטער יאָהר דאַרף פערצייכענט ווערען ווי אָה זאַרבייטס־לאָזיגקייט נאָך מעהר: אין די לעצטע וואָכען פאַר׳ן פערעפענטליכען דעם פּאַספילד־בוך האָט זיך גע־פיהלט אַ מאַנגעל אין קוואַליפיצירטע אַרבייטס־הענט.

מיט וואָס לאָזט זיך דערקלערען אָט די לאַגע? עקאָנאָמיסטען וועלען געוויס מיט ציפערען און ביישפּילען בעווייזען, אַז אַזוי האָט דאָס געמוזט זיין. „די עקאָנאָמישע אייזערנע געזעצען האָבען דערצו געפיהרט״. אָבער כ׳גלויב נישט אַז די שטרענגסטע עקאָנאָמיסטען וועלען קענען פערביי־געהן און אַוועקמאַכען מיט דער האַנד דעם נאַציאָ־נאַלען סענטימענט, וועלכער איז, לויט מיין מיינונג, געווען אַ בעזונדער פאַקטאָר אין פערהיטען דעם יודישען ישוב פון אַנ׳עקאָנאָמישען קריזיס, דער נאַציאָנאַלער סענטימענט האָט זיך ענטפלעקט הן אין לאַנד גופא הן צווישען די יודישע קיבוצים אין אַלע לענדער, און די אַלע אייגענע און פרעמדע ארץ־ישראל ־ פרעסער מוזען דאָך צוגעבען אַז די יודישע געשיכטע — רייך אין פערפאָלגונגען און בלוטיגע איבערפאַלען — ווייס נישט פיל מאָמענ־טען, ווען נאָך טרויעריגע געשעהענישען אויף אַ יודישען קבוץ, ווי שטאַרק און איינגעפונדעוועט ער זאָל נישט זיין, זאָל זיך נישט אָנהויבען אַ מאַסען־עמיגראַציע, אַ פּאַנישע בהלה א.אַ.וו אַנדערש איז דאָס געווען אין ארץ־ישראל, נאָר יחידים האָבען אין דער שטיל פערלאָזען ארץ־ישראל, אומגע־קעהרט, גלייך נאָך די געשעהענישען האָט זיך פער־שטאַרקט דער דראַנג נאָך ארץ־ישראל, נישט נאָר חלוצים, נאָר סתם יודען האָבען זיך געריסען אין לאַנד. די אַרבייט אין אַלע עקאָנאָמישע צווייגען האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט, גלייך ווי דער מלאך פון יודישען נייעם פאָלקס־לעבען וואָלט דעם יודי־שען ישוב געמונטערט און געשטאַרקט.

און אין אַלע לענדער, וואו עס לעבען יודישע קיבוצים האָט זיך ווי אַנ׳„עמוד האש״ דורכגע־טראָגען די גרויסע רעטונגס־ אָדער הילפס־אַק־ציע. זי האָט אין משך פון די קורצע חדשים צו־נויפגעזאַמעלט, נישט אָרגאַניזירטערהייד און אָהן בעזונדערע הוצאות, איבער אַ האַלבען מיליאָן פונט פאַר דער אויפבויאונג און פערשטאַרקונג פון יו־דישען ישוב, און עס וועט קיינמאַל נישט געשענקט ווערען די יעניגע, וועלכע האָבען פערוואַלטעט מיט די געלדער פון דער הילפס־אַקציע, למאי מען האָט נישט אינוועסטירט אָט די פאָלקס־סומען אין פּראָ־דוקטיווע אַרבייטען. ווי עס זאָל אָבער נישט זיין, דער יודישער ישוב איז אַרויס פון די געשעהעני־שען נישט ווי אַ צעקלאַפּטער און פערטומעלטער, ער האָט פעסט איינגעהאַלטען זיינע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס און זיך פערמאָסטען אויף נייע. אָט די לאַגע האָט אָנגעהאַלטען ביז׳ן פערעפענטליכען דעם לעצטען ווייסען בוך.

עס וועט זיין אַ טעות צו מיינען אַז דער עצם ווייסער בוך האָט אויפגעטרייסעלט די עקאָנאָמישע יסודות פון יודישען ישוב, דער ווייסער בוך אַלס פּאָליטישער קלאַפּ איז נישט געווען בכוח צו צע־ברעכען דעם יודישען ישוב, אָבער דאָס, וואָס עס איז געקומען נאָכ׳ן ווייסען בוך, די אינערליכע אויפטרייסלונג, דער פערביסענער אינערליכער קאַמף, די סודותדיגע און גאָרנישט־צוזאָגענדע אונטער־האַנדלונגען, — אָט דאָס אלץ האָט צו אַלעם ער־שטען געבראַכט צו אַ גייסטיגען פּאָליטישען קריזיס.

אָביעקטיוו זענען אין ארץ־ישראל נישטאָ קיין סיבות פאַר אַנ׳עקאָנאָמישען קריזיס, דער מאַראַנ־צען־מאַרק איז כמעט ווי סטאַביל און די פּרייזען — 14—12 שילינג פאַר אַ קאַסטען מאַראַנצען — זאָ־גען צו גאַנץ גוטע רווחים. די אינדוסטרי האָט אַנ׳ אָפּזאַץ־מאַרק פאַר איהר פּראָדוקציע (גענוג צו דערמאָהנען אַז די צעמענט־פאַבריק אין חיפה בע־ווייזט נישט צוצושטעלען גענוג צעמענט), רוטענ־בערג פערענדיגט די אַרבייט און גאָר אינגיכען וועלען מיר האָבען גענוג עלעקטרישע קראַפט. די אַרבייט אין ים־המלח ווערט פאָרטגעזעצט, די אַר־בייט ביים פאָרט געהט פאָרווערטס, אין תל־אביב פיהלט זיך אַ פערשטאַרקונג פון בוי־אַרבייט, — און דאָך איז די שטימונג אַ געדריקטע און אי־בער׳ן קאָפּ הענגט די שרעק פון אַ עקאָנאָמישען קריזיס.

כ׳ווייס נישט, ווי וועלען זיך צו דעם בעציהען די עקאָנאָמיסטען, אַ פאַקט איז אָבער, אַז מיר לע־בען איבער אַ טיפען גייסטיגען קריזיס און נאָר פון איהם איז אָפּהענגיג דער עקאָנאָמישער מצב.

בן החולות.

נייער נומער „פרייע שריפטען״

אָקאָרשט איז דערשינען דער נומער 10 פון די „פרייע שריפטען פאַר׳ן יודישען סאָציאַליסטישען געדאַנק״, וועלכע דערשיינען אונטער דער רעדאַקצ־יע פון ד״ר י. נ. שטיינבערג אין וואַרשא פער־לאַג ח. בזשאזא).

דאָס ביכעל (188 זייטען) ענטהאַלט פאָלגענ־דיגע אַרטיקלען:

י. נ. שטיינבערג, די כמאַרע איבער דער יודישער וועלט(אַ סאָציאַל־פּאָליטישע שילדערונג פון דער יודישער לאַגע אין ראַטען־רוסלאַנד, פּוי־לען, פּאַלעסטינא. ה. פראַנק, וועגען דעם וועלט־ווירטשאַפטליכען קריזיס. י. רובין, וועגען טערי־טאָריאַליזם, אַלס אַקטועלע יודישע פּראָבלעם. צוויי אַרטיקלען זענען געווידמעט פילאָזאָפישע פראַגען: א. שטיינבערג: סאָציאַליזם און משיחיזם. ר. זע־ליגמאַן: וועגען משה העס. צוויי אַרטיקלען זענען אָפּגעגעבען פאַר ליטעראַרישע טעמען: וו. נאָסאָנ־סאָן בעהאַנדעלט דעם „צויבערבאַרג״ פון טאָמאַס מאַן, און י. ראַפּאָפּאָרט: „די משיח־דראַמען פון א. לעיעלעס״. י. קאַפעלאָוו: גיט אַ בילד פון גרי־גאָרי גערשוני.

די אָפּטיילונג „נאָטיצען״ ברענגט מאַטעריאַל וועגען ראַטען־רוסלאַנד, דרום־אַפריקע און פּאַלעס־טינא.

דער פּרייז פון נומער איז 60 סענט. אַ יאָהר אַבאָנעמענט (4 ביכער קאָסט צוויי דאָלאַר. בע־שטעלען אין אַמעריקע:

N. Turak, New-York 337 Sixth Ar.
I. Stein, Chicago 426 So. Clinton str.

אַדרעס פאַר אייראָפּע:

Dr. J. Steinberg, Berlin-Zehlenddrf-West Forststrasse 21, (G 4 Zehlendorf 42-92.

APOLLO
היינט און פאָלגענדע טעג!
בעניי׳אונג פון מעכטיגען מייסטערווערק
געשאַפען אויפ׳ן גרונד פון דער ערצעה־לונג פון גראַף לעוו טאָלסטאָי א.נ.:
ליבע פון אַ קאָזאַק
עקזאָטישע דראַמע פון לעבען פון פרייע ז יהן פון די קאווקאזער בערג.
אין די הויפּט־ראָלען:
JOHN GILBERT
i RENEÈ ADORE
געזאַנגס־אילוסטראַציע
אויסגעפיהרט פון אַ קינסטלער־כאָר
אָנהויב 4 נאָכם. שבת און זונטאָג 12 בטאָג
סימפאָנישער אָרקעסטער אונטער ד ר דירעקציע פון ה׳ א. בײנערמאַן

אויף אַ באַל ביי לאַנדסלייט אין פּאַריז

(איינדרוקען)

דער עולם איז געווען רויט פון שמחה. דער „משוגענער משה׳לע״ איז אַרויף אויף אַ בענקעל און געשריגען איבער׳ן גרויסען זאַל:

— זאָל לעבען די פלישקעווער לאַנדסלייט!

דער פּרעזידענט איז אַרומגעלאָפען אַ צו־שמאַלצענער:

— נו, איך האָב אייך געזאָגט, אַז מען דאַרף אַ סאָסיעטע! (פעראיין)

— זאָלען לעבען די פלישקעווער לאַנדסלייט!

די מיטגלידער פון „קאָמיטע״ זענען נאָכגע־לאָפען דעם פּרעזידענט א בער׳ן זאַל מיט בענדער אויף די הענד, ווי סאָניטאַרען. איינער האָט גע־שטופּט דעם אַנדערען:

— טוט עפּעס! לענט צו אַ האַנד!

האָט כאַקי קאָס דער טאַקי אַרויסגעלייגט ביי־דע עלענבויגענס אויפ׳ן קעסטעל געלד און אַריבער־געשריגען צו די געקומענע געסט:

— עה, געהט נישט אַריין אָהן קיין בילעט! די לאַנדסלייט זענען כסדר געקומען.

יעדע מינוט איז די שמחה געוואַקסען.

— זעה נאָר, ווער עס איז דאָ!

— משה, ביזט דאָך גאָרנישט קיין פלישקעווער!

— און אַז איך בין אַ וואורקער, וועסטו מיך נישט צונעהמען?

— ווער איז די גראָבע? שלמה׳ס ווייב?

— יאָ, אין פּאַריז חתונה געהאַט.

די פּרייזער איז געשטיגען כסדר.

— משה־יעקב מיט דער כלה אויך!

— זעה נאָר! זעה נאָר! זלמן שניידער מיט׳ן ווייב און שוועגערין.

— אַ שעהן מיידעל, די שוועגערין.

— זי איז איצט געקומען פון פלישקעווע און זעהט שוין גאָרנישט אויס ווי אַ גרינע.

— שענער ווי אַנ׳אָפּגעמאַלעוועט שיקסעל — ווערפט צו אַ יונגער לאַנדסמאַן.

— שאַ, בערעד נישט — רייסט איהם איבער יעצט פּרעזידענט און קוקט מיט שמייכעל אויף זיין פּרעזידענטען־שלייף פון לאַץ.

מיר זענען לאַנדסלייט און די סאָסיעטע דאַרף אַ בן זיין טייער.

— יאָ. יאָ — פערענטפערט זיך דער יונגער לאַנדסמאַן און די אויגען לויפען איהם נאָך זינ־דעל שניידערס שוועגערין.

— ש הובן אַזאַ יאָהר!

און ער גיט זיך גלייך אַ שאַר צו צו איהר:

— מאַדמואַזעל, זי טאַנצען?

— אַוושעט! פּראָשע!

גיט ער זי אַ נעהם צו זיך. זי קוקט אויף איהם מיט איהרע גרויסע בלויע אויגען. קוקט קאַלט און אָהן אינטערעס, לאָזט זיך לייכט צודריקען צום טענצער.

זי זענען דאָך פּאַנגאַ מאניא.

— יאָ!

— מ ך האָבען זי דערקענט מאַדמואַזעל!

זי הערט נישט. זי איז צוטומעלט. אין האַר־צען דריקט איהר אַ שרעק. זי האָט מורא פאַר דער בענענעניש, וועלכע וואָ־ט זי באַלד. „ער וועט קומען, יאָ, ער וועט זיכער קומען״. דער יונגער לאַנדסמאַן, דער טענצער ווייסט עס אויך. אַלע אויפ׳ן באַל ווייסען עס, אַז „ער״ דאַרף באַלד קומען. דאָס איז דער הויכער חיים, וואָס האָט זי צוגעזאָגט איבערצונעהמען קיין פּאַריז, געשריבען פּיער יאָהר „אָפּגעוואָדזשעט״, געשריבען בריף אַזעל־כע גוטע ווערטער, „דו ביסט מיין חלום, דו ביסט מיין גאָט און איך בענק נאָך דיר בייטאָג און ביי־נאַכט״ — ביז... ביז ער האָט זיך בעקענט מיט עפּעס אַ פראַנצויזיש מיידעל און געוואָרען פאַר איהר אַ חתן. אָ, האָט לאַניע דאַמאָלס געוויינט. געוועזן פערשעמט אין שטעטעל. געפיהלט אַזוי פיל חוזק אין אַלעמענס אויגען. האָט זי געשריבען צו איהר פּאַריזער שוועסטער:

מיין לעבען איז גאָרנישט ווערט. איך זעה נישט מעהר קיין שום צוקונפט. איך בין געווען נאַריש און געטריי. זיי געזונד, מיין ליבע איינציגע שוועסטער.

האָט די שוועסטער איהר גלייך געענטפערט:

„נאַ־עלע! — קום אַהער קיין פּאַריז. וועסטו נאָך גוט זיך אויסלאַכען פון דעם יונג״.

איז זי בעקומען קיין פּאַריז, נישט געזעהען איהם אפילו. כמעט מיט געוואַלד האָט די שוועס־טער זי גענומען אויפ׳ן באַל. איצט האָט זי גע־טאַנצט. געווען בלאַס און שעהן, געקוקט מיט די קלאָהרע, בלויע אויגען צו דער טיר פון גרויסען סאַלאָן, געווען פרעמד צו דער פרייד פון לאַנדס־לייט, געפיהלט זיך קליין און אָהן שום מאַכט: — וועט ער קומען? — זי האָט געטאַנצט און גע־טראַכט:

— וועל איך איהם אויסלאַכען? וועל איך קענען בלייבען גלייכגילטיג?

דאָס האַרץ האָט שווער איהר געשלאָגען. זי האָט געטאַנצט, געענטפערט, נישט געוועהרט דעם טענצער אין זיין אונטערנעהמער־שקייט און ווי אַנ׳אָפּגעריסען בלאַט אויפ׳ן ווינט געלאָזט זיך פיה־רען, אָהן ווילען, אָהן כוח און געוואַרט אויף חיים׳ס אָנקומען.

* * *

די מוזיק איז שטיל געוואָרען. דער פּרעזי־דענט האָט „דערלאַנגט״ זיין גרויסע רעדע „ברי־דער, מיר זענען פלישקעווער, לאָמיר בלייבען פלישקעווער ביז׳ן טויט! —

— זאָל לעבען דער פּרעזידענט! —

— אַלע פאַר איינעם, און איינער זאָל זיין די כפּרה פאַר אַלעמען! —

— לאָמיר מאַכען אַ קאַסע און אַז גאָט וועט העלפען, און אַ מיטגליד וועט ווערען קראַנק, וועט זיין מיט וואָס צו שטיצען!

— זאָל לעבען די קאַסע!

— מען וועלען קויפען אַ קבר! —

— זאָל לעבען דאָס קבר!

— אַ גרויס, אַ שעהן, אַ בעקוועהם קבר.

— פאַר אונז אַלע גלייך...

— יאָ, פאַר אונז אַלע אַ קבר! —

— לאָמיר זיך האַלטען צוזאַמען ביים לע־בען, וועלען מיר זיין צוזאַמען אייביג אין דער ערד! —

— די מוזיק האָט גענומען זעצען אַ מאַרש, דער פּרעזידענט האָט אַרומגעכאַפּט דעם ערשטען לאַנדסמאַן, וואָס איז געשטאַנען לעבען איהם משה עקיבען, צוקושט זיך מיט איהם און צוגעהאָלפען צו זיין ווייב:

— איך האָב גוט גערעדט? גאָלדעלע.

נאָר דאָס ווייב איז געשטאַנען אַנ׳אָנגעבלאָ־זענע: —

— האָסט זיך שוין נישט מיט וועמען צו קו־שען, נאָר מיט יעקב ביק?

זי האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגען, נאָר איהרע אויגען האָבען אויפגעפלאַנצט. אין דער מי־נוט איז אַריין אין זאַל דער הויכער חיים מיט זיין פראַנצויזישער כלה, דעם פּרעזידענט׳ס ווייב׳ס אוי־גען האָבען גענומען זוכען לאַניען. צעהן ווייבער אַרום האָבען געטון דאָס זעלבע.

* * *

לאַניע איז געזעסען אַ בלאַסע ביי אַ טישעל. זי האָט געפלאַפּלעט מיט דעם יונגען לאַנדסמאַן, די שוועסטער מיט׳ן שוואָגער זענען געזעסען דער־ביי אין געשוויגען. מיט אַמאָל האָבען דעם מיי־דעלס הענד אַ פאַל געטון אויפ׳ן טישעל. איהרע בלויע אויגען האָבען ברייט זיך אויפגעעפענט און אַ מינוט געבליבען אָהן שום אויסדרוק. אין האַרץ האָט עפּעס זיך אָפּגעשטעלט, געוואָרען לייריג. חיים האָט גלייך דערזעהען. געמאַכט אַ אינסטינקטיווען שריט, ווי אויף צוצוגעהען צו איהר, נאָר גלייך דערמאָנט זיך, אַ נעהם געטון זיין כלה פאַר׳ן אָרים און אַריין טאַנצען אין מיטען זאַל. לאַניע איז גע־קומען צו זיך. זי האָט זיך איבערגעקוקט מיט דער שוועסטער און שטיל אַ זאָג געטון:

— איך וויל אַ היים געהן.

— פאַרוואָס? — איז די שוועסטער געוואָרען צו איהר אַזוי צערטליך. לאַניעשי! — איהר שוועס־טער׳ס האַנד האָט ווייך אַרומגענומען דאָס צושראָ־קענע מיידעל, זי האָט זי צוגעדריקט צו זיך, ווי אַ צערטליכע בעזאָרגטע מאַמע: — לאַניעשי! — פאַרוואָס טאַנצטסו נישט! געהט טאַנצען קינדער — זי האָט זי אַ קוש געטון.

— געה, נאַריש מיידעלע! —

ליאַנע איז אַוועק מיט יונגערמאַן טאַנצען, אין זעלבען זאַל האָט געטאַנצט חיים מיט דער פאַריזער כלה. אַלע האָבען נייגעריג געקוקט אויף ביידע פּאָרלעך: — וואָס וועט דאָ זיין? — וואָס?

— נאָכהער האָבען פּיער אויגען זיך דורכגעקרייצט. חיים האָט געקוקט אויף ליאַנען. ווי זי איז אויס־געוואַקסען אין די עטליכע יאָהר. אין זיינע אָרימס האָט ער געהאַט די פאַריזער כלה. איהר פּנים, ווייס פון פּודער און די ליפּען רויט ווי טינט. איהרע נאַקעטע הענד האָבען זיך פליישיג אַרויס־געשניטען פון דעם ב...ל קלייד. זי איז איהם איצט געווען פרעמדער ווי אַלע מאָל. ליאַנע איז געווען אַזוי פריש און שלאַנק, און איהרע אויגען האָבען גצהאָט אין זיך אַזוי פיל בלויען אומשולדיגען פאָרוואורף. יאָ, וועגען די אויגען האָט ער עס דאָך אַזוי געחלומט און צוליב דער בעקשאַפט נאָך דער ליבע פון ליאַניעס אויגען האָט ער דאָך פערפלאָנטערט זיך מיט דער פאַ יזערין.

וואָס טון? — ער האָט זיך אין טאַנצען איהר פערגעסען און ליאַניע האָט מיטאַמאָל דערפּ הלט אין זיין פּנים דעם גאַנצען פיין פון חרטה. יאָ, אין דעם איינציגען בליק האָט איינער דעם צווייטען דורכ.צקוקט און דערזעהען דעם גרויסען בינד, וואָס האַלט זיי נאָך צוזאַמען. האָט דאָס מיידעל דערפּ הלט אַ גרויס רחמנות אויף איהם און אויף זיך. נאָר אַלע האָבען געקוקט אויף זיי, און זיי האָבען געמוזט שפּילען די קאָמעדיע פון שטאָלץ. באַלד האָט דער באַל זיי פאַרגעסען און זייערע אויגען האָבען געקענט זיך טרעפען אָפּטער. חיים׳ס פּאַרי־זער כלה האָט נישט געוואָלט מעהר בלייבען. —

— געניג שוין מיט דיינע גרינע לאַנסלייט!

— האָט עס איהם וועה געטון, ווי גוט, ווי היימיש דאָ איז און וויפיל ליבע זיינע בלייבט דאָ. ליאַניעס אויגען זענען אַזוי בלוי און איהרע ליפּען האָבען אַזוי פיל צוזאָגען — ער האָט אַרומגענומען זיין פאַריזער און צו זיך געמורמעלט מיט פערמאַכטע אויגען: ליאַניע, טייערע, איינציגע מיינע! — דו — נאָר דו! — ביז ער האָט נישט געקענט מעהר אויסהאַלטען און ביים אַוועגעהן פון באַל צוגע־שיקט ליאַניען זיין וויזיט־קאַרטע מיט אַ צושריפט:

„קען איך מיט דיר זיך טרעפען?״ —

י. חאַמסקי.

קינא-טעאטער
ZACHĘTA
26 זגערזשער 26

היינט און פאלגענדע טעג!

מעכטיגסטע מייסטערווערק, וואָס דערגרייכט ביז צו דער טיפעניש פון די מענשליכע נשמות. גרויסע דראַמע א.ז.

צוריקקעהר פון געפאנגענשאפט

אין די הויפטראָלען:

Dita Parlo i Gustaw Fröhlich

דאָס זעגען 2 געפיהלען, צווישען וועלכע מ'קען קיין בריק נישט בויען: פריינדשאַפט און ליבע... צוויי פריינד און... א פרוי...

געקליבענער אָרקעסטער אונטער דער לייטונג פון ה' סטעפאנסקי
אָנהויב פון די סעאַנסען: אין געוו. טעג 4 נאָכמ. שבת, זונטאָג און יום טוב — 12 א זייגער בייטאָג. דער זאַל איז גוט בּאַהייצט.
נעכסטער פּראָגראַם: ליבעס-שעפטשען פון דער נאַכט

היינט ערעפנונג!

באר „אדלאן"

אינה.: געבר. ראגענפיש
צעגעלניאנא 33, טעל. 130-49

צוביסע, מ'טאגע, אוועדבריט
רייכהאַלטיגער בופעט! פאַכמענישע קוך!

ווינטיג פאר די יודען
פון נאווא-צעגעלניאנא און אומגעגענד!

דערמיט מאַך איך בעקאַנט, אַז איך האָב געעפענט

א פיש-געוועלב

פערזעהען מיט אלע סארטען לעבעדיגע און פרישע פיש

וועלכע איך פערקויף צו ביליגע פרייזען און עמפפעהל זיך

מיט אכטונג פסח קושער

נאווא-צעגעלניאנא 35. 616

ווינטיג פאַר לאדז און דער פראווינץ!

דערמיט מאכען מיר בעקאַנט דער ג. קונדשאַפט, אַז מיר האָבען ערעפענט א לאַגער אין לאדז,

פיעטריקאווער 40, לינקע אפיצינע, פארטער א. פ.

Skład Komisowy

PRZEDSIĘB. HANDL. „REZYNA"

וואָס איז פערזעהן מיט א רייכען אויסוואַהל פון זעמטל. קאלאשן און באטען פון דער פירמע

„REZINOTRUST"

מיט אכטונג

Przedsięb. Handl. „REZYNA"
Łódź, Piotrkowska 40, tel. 145-32. 9726

NOWA
WYPOŻYCZALNIA KSIĄŻEK
24 PIOTRKOWSKA 24
poleca ostatnie nowości.
Prenumerata miesięczna 2 zł.

וועכבעריך כירורגישע קליניק
„SANATO"
אגראדאווא 10, טעל. 213-57

1-טע און 2-טע קלאַס
ערצטליכע אויפזיכט איבער דער מוטער און קינד

פרייזען פון געבורט

אין 2-טע קלאַס צוזאַמען מיט פערהיטונגס-מיטלען

200 זל.

אויגען-אַפטיילונג פון ד"ר מעד. י. קארוש
עמפפאַנגס-שעה'ן פון 1 ביז 2 נאָכמיטאָג.
כירורגישע אַפטיילונג פון ד"ר מעד. מ. קאנטאר
עמפפאַנגס-שעה'ן פון 1 ביז 2 נאָכמיטאָג.

לעטשניצע פון דאקטוירים ספעציאליסטען
און דענטיסטישער קאַבינעט.
גושעזשינער 11, טעלעפאָן 3763
אָפען פון 9 פריה ביז 7 אָוענד.

ד"ר אימיך נאָז, האַלז, אויערן קר.	$4^1/_2$—$5^1/_2$
ד"ר קפרשנער קינדער-קראַנקה.	9-11 $4^1/_2$-5
ד"ר שיפמאן אינערליכע קראַנקהייטע	12—2
ד"ר ביבערגאל הויט און װענער.קר. $1^1/_2$	$11^1/_2$ - $12^1/_2$
ד"ר שפירנפלד נערוועז און גײַסטיגע קר.	1—2
ד"ר גאלדבלאט אויגן-קראַנקה.	$12^1/_2$—$1^1/_2$
ד"ר חיים כירורגישע קראַנקהײַטן	2—3
ד"ר שטפרלאווסקי פרויען-און געבורטס-הילף	$12^1/_2$—$1^1/_2$

וו כא-ם ווערזיע שפריך-שטערונגען ווי שטאמלען א.א.
ווי מאַכען-שטעלן, קינסטליכע בערג-זון-בעשטראַל אײַנ-שפריצונגען, מאַסאַזשן, עלעקטריזאַציע, אַפּעראַצ. אויף פערלאַנג ווידזיטען אין שטאָט. אין לאַבאָראַטאָריום ווערען אנאַליזן פון אַלע ארט געמאַכט, אויך פלעגמע און בלוט

אימפּונגען געגען שקארלאטין.

בײַ דער לעטשניצע איז געעפענט געוואָרען
א רענטגען-אינסטיטוט.

ד"ר לאזשינסקי-סטאראפאלסקא
צאָהן-ערצט 10—1, 3—6
קינסטליכע ציין, קראָנען, פּלאָמבען א.א.וו.

די לעטשניצע איז טעטיג אויך זונטאג

PORADNIA WENEROLOGICZNA
פון דאקטוירים-ספעציאליסטען
זאוואדזקא 1.

נאָר פאַר וועגערישע הויט-קראנקה.
און מענער-שוועכע אנאַליזען פון בלוט
און אויספלוס אויף סיפיליס און טריפער.
קאָנסיליומס מיט ספעציאַליסטען פון אורא-לאָגישע און נערווען-קראַנקהייטען.
קווארץ-לאמפ. עלעקטרישער הייל-קאַבינעט קאסמעטיק.
-- טעטיג פון 8 פריה ביז 9 אָוענד. --
פון 11 ביז 12 בײַ טאָג און פון 2 ביז 3 נאָכמ. נעמט אָן א פרוי-דאָקטאָר נור קינדער און פרויען
זונטאָג פון 9 פריה ביז 2 נאָכמיטאָג.
— באַזונדערע וואַרטע-צימער פאַר פרויען. —

וויזיט 3 זל.

לעטשניצע
צאהן-ערצטליכער גאַבינעט
און רענטגען-אינסטיטוט
(דיאַגנאָסטיק, אויסערליכע און לייכט-טיפע טעראַפיע)

זגערזשער 17 טעל. 116-33

וועגעראָלאָגישער גאַבינעט
טעגליך טעטיג פון 1 — 2 נאָכמיטאָג.

DR. MED. H.LUBICZ

ספ. פאַר הויט, וועגערישע און געשלעכטס-קראַנק.
אויף צעגעלניאנא 43, טעל. 141-32
עמפפאַנגס-שעה'ן 8—10, 12—2, און 5—8 זונטאָג
און יו"ט 9—1. פאַר דאַמען באַזונדערער וואַרטע-זאַל

זאל „WESOŁY KĄCIK" זאל
17 זגערזשער 17

BIAŁY SŁOŃ קינסטלער-טעאטער
פרעזענטירט פרייטאָג ד. 16., שבת ד. 17 און זונטאָג ד. 18 יאַנ.

די פרעכטיגע רעווי
פון הומאר און טענץ א.ז.

לאמיר זיך ווילן צוזאמען

אין 16 טיילען, 2 אַקטען

מיט ZOFJA TOKARSKA און דעם באַקאַנטען באַלעטמייסטער TH. ASTROFF אין דער ספּיץ.

אייגענער ארקעסטער. באַלעט, אינ-סצעניזאַציעס, סקעטשען, טענץ, הומאר. געלעכטער, סאטירע. אייגענע דעקאראַציעס.

דעקאָראַציעס: Bum-Warski ליט. לייטער: Wł. Młaszkiewicz
מוזיק לייטער: Th. Astroff באַלעטמייסטער: St. Osmólski
אָנהייב פון די פאָרשטעלונגען 5.30, 7.30 9.30 אָוענד.

זיכערע הילף און א רפואה

אהן א אפעראציע, אן בלוט, אהן א מעסער און אהן בלוט-פערגיפטונג פאר קראנקע אויף קילעם פאר מענער ווי בער און קינדער. פערשידענע קאליקעס אין גוף פאר הויקערס און פיס

פערלאָזט אייך נישט, ווייל דער ווינקעל-בראָך ווערט גרויס אַזוי ווי א מענשען-קאָפּ, אָדער אַזוי ווי א וואַסער-קאָן און עס פאַלט אַרײַן אין דעם בוס און דער קראַנקער איז אין א גרויסער סכנה דורך פערדרייען די קישקעס ווערט ער בראַנדיג און שטאַרבט. ספעציעל גוטע הייל-באַנדאַזשען אויסגעצייכענט גוט דורך גרויסע פראַקטיק מיט מיינע בעהאַנדלונג און פון דעמסטען פראַקטיקער-דאָקטאָר בראָכו רעהונג בעזונדערן ווײַבער דעם שוואַכסטען און געפעהרליכסטען

בּראָך. אויך פאַר הויקערס לאַמונגען מיט הייל-גאַרטעלן און אפּאַראַטען פאַר פערקרומטע פיס און פלאַט-פיס ספעציעלע אַנלאַגען אין די שיך. קינסטליכע גלידער פיס און הענד, גוטע זאָקען פאַר די גרעסטע קראַנקע אַדערן.
עמפפאַנגט פון 9 ביז 1 בײַטאָג און פון 3 ביז 7 אין אָוענד.

ארטאפעדישע אנשטאַלט

Specialist J. RAPAPORT Ortoped von Lemberg
Łódź, WÓLCZAŃSKA 10, tel. 221-77, front, parter

בעמערקונג: דאָס ערזענליכע ערשיינען פון די קראַנקע איז אונבעדינגט נויטיג. דיפּלאָמען האָבען אויסגעשטעלט פאָלגענדע אוניווערזיטעטס-פּראָפעסאָרען: פּראָפ. ד"ר באראנאָוש, פּראָפ. ד"ר י. מארישלער, פּראָפ. ד"ר ב. קיעלאנאָווסקי און אויך אַנדערע. מיר נעהמען אויך אָן סערטיפיקאַטע פון דער קראַנקען-קאַסע

דאנקזאגונג.

דעם געעהרטען ספּעציאל. ה' י. ראפאפּארט, ד.ר. פון אָרטאָפּעדישען אַנשטאַלט אין לאָדז, וואָלטשאַנסקא 29, פראָנט 2 שטאָק, דריק איך אויס עפענטליך מײַן הערצ-ליכסטען דאַנק פאַר זײַן אָנגעבען דורך דעם ספּעציעלען אָרטאָפּעדישען הייל-גאַרטעל זײַן מעטאָדע, וועלכע האָט מיך אויסגעהײלט גענצליך. ס'האָט מיר גערהאַט צו פּלאַצען דער רוקען צוליב'ן הויקער און יעצט בין איך געזונט און בין טעטיג צו דער אַרבײַט.

Dr. **M. Morgenroth,** sędzia apelacyjny.

לאנגיעריגער געריכטס-סעקרעטאר

ערטיילט און ערלעדיגט אלערליי
ביטעס, אנקלאגעס און קלאוזולעס
ספעציאַליסט אין מיליטער-ענינים.
שנעלער אויסקויף פון פאַטענטען און רעגיסטראַציע-קאַרטען אויפ'ן יאָהר 1931!

ב. מאז, 10 פיעטריקאווער 10

צושניידער-שולע פאר הערן און דאמען-בעקליידונג

וויכטיגע בעקאַנטמאַכונג פאר לאדז און אומגעגענד!

הערן- און דאַמען-שניידער, שניידערינס און גצועלען! אויב איהר ווילט האָבען עקאָנאָמישע לאַגע פערבעסערן און אייער אַרבייט לייכטער מאַ-כען, טאָ קומט באַלד זיך פערשרייבען אויף די צושניידער-קורסען, וואָס זענען געעפענט געוואָרען זונטאָג, דעם 11-טען ד. ח. אין לאָקאַל פון דער האַנד-ווערקער-צענטראַלע, זשעלאַזנאַ 10 a, ווייל נור ביז'ן 15-טען ד.ח. גילט דער הנחה פרייז. נאָך דעם 15-טען ד. ח. וועט קאָסטען בעדייטענד טייערער. דעריבער זאָלט איהר נישט פערשלעפּען און וואָס שנעלער זיך אײַנשרייבען אויף די קורסען. א נייער קורס הויבט זיך אָן יעדען 15-טען און 1-טען.
דער לאָקאַל איז אָפען פאַר שילער צום אײַנשרייבען זיך פון 10 א זייגער פריה ביז 1 בייטאָג און פון 3 ביז 9 אָוענד. פאַר צוגערייזטע שילער איז אײַנגעפיהרט א שנעל-קורס, וואָס וועט דויערן 3 וואָכען.

מיט אכטונג צושניידער-לעהרער

א. אורמאַן, זשעלאַזנאַ 10 a

Lekarz-dentysta
Stanisław Gelberg
זאוואדזקא 14, טעל. 108-33
נעמט אָן פון 10—2 נאָכמ. און פון 4—7 אָוענד

Dr. N. HALTRECHT
ספעצ. ארצט פאַר הויט און געשלעכטס-קראַנק.
נעמט אָן פון 8 ביז 9 פריה פון 12—3 נאָכמיטאָג און פון 8 ביז 9 אָוענד.
זונטאָג פון 9 ביז 1 בײַטאָג.
פיעטריקאווער 10
פאַר אונבעמיטעלטע לעטשניצע-פרייזען.

Za Wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Brzustowski i D. Silberberg. Redaktor odpowiedzialny Ch. Kaufman
Czcionkami i druk. „Najer Folksblat", Piotrkowska 21.